STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05724

LID UN ESEY

Mates Olitzky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אָליצקי

ליד און עסיי

ביכער פון מ. אַליצקי:

אין פרעמדן לאַנד, לידער, דײַטשלאַנד, 1948.

פרייִלעכע טעג, לידער, אַרויסגעגעבן פונעם בילדונג־קאָמיטעט בײַם אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק, 1962, פּרעמירט פון צבי קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד אין מעקסיקע.

לידער צו אַ ברודער (מיט ל. אַליצקי), פאַרלאַג נחמני, ישׂראל, 1964.

געקליבענע לידער, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תּל־אביב, 1967. באַקומען די פּרעמיע פאַר פּאָעזיע, געשטיפט בײַם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס און ייִדישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק.

לידער פאַר יוגנט, בילדונג־קאָמיטעט בײַם אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק, 1974, פּרעמירט פונעם יעקב וויסליץ־ און י. צימערמאַן ליטעראַטור־פאָנד אין סידני, אויסטראַליע.

לידער פון פריִער און פון איצט, פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", 1980, פּרעמירט פון ייִדישן פּען־קלוב, ניו־יאָרק.

גוט יום־טוב קינדער, לידער מיט ענגלישער איבערזעצונג, אילוסטרירט, בילדונג־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק 1981.

*

פּרעמירט פונעם קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק מיט דער רבקה און יעקב לעווין־פּרעמיע פאַר קינדער־ליטעראַטור, 1983.

ליד און עסיי, „ישׂראל־בוך", 1988.

מ. אָליצקי

ליד און עסיי

פאַרלאַג „ישׂראל - בוך"
הילפסםפאָנד פאַר יידיש-שאַפונג
תל-אביב, תשמ"ח — 1988

מ. אָליצקי
ליד און עסייען

M. OLITSKY
POEMS & ESSAYS

Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך", תּל-אביב, רח' איתמר בן-אבי 4

Printed in Israel 1988 נדפס בישׂראל

דפוס „אורלי" — פרידמן, תל-אביב, טל. 372062

דער נעכטן איז אַוועק

טרויעריקע טאָלן

1

געשפּרייט האָט זיך אַמאָל, אַמאָל
אַ שטעטל אין אַ ווײַסן טאָל.
האָט מיך דער שניי דערמאָנט, אַז דאָרט
איז איצט דער טאָל אַ הייליק אָרט.

געקלונגען זילבערדיק אַמאָל
האָט אויפן ווינט אַ נאָענט קול.
האָט מיך דער שניי דערמאָנט אַצינד:
נישטאָ איז דאָרט קיין ייִדיש קינד.

אַמאָל. אַמאָל. געדענקט איר דאָס?
צי פרעגט איר נאָך: פאַר וואָס? פאַר וואָס?
מיך האָט דערמאָנט אַצינד דער שניי:
אין פּוסטע טאָלן רוען זיי.

2

יענע טרויעריקע טאָלן
בליען איצטער פריש און גרין.
עס וואָלט גוט געווען מיר זאָלן
קומען נאָך איין מאָל אַהין.

איבער ווילדע סטעזשקעס טרעטן,
וווּ עס טרעט קיין פויגל ניט.
וווּ די ביינער פון סקעלעטן
זענען ווײַסער טויטער צוויט.

גייַן דורך הויכע ווילדע גראָזן,
אויסרײַסן אַ בלימל קליין,
און די דינע בלעטלעך לאָזן
פֿאַלן איבער טויטע ציין.

שפּעטער, דורך דעם גאַנצן לעבן,
זאָגן קיינעם ניט קיין וואָרט,
אַז געווען מיר זענען נעבן
זיי, אויף זייער הייליק אָרט.

בײַם לייענען אַ יזכור־בוך

ער איז, דער טויט, געקומען מיטן לודמירער שאָסיי.
געקומען אויף אַ דזשיפּ, און ניט אויף פליגלען.
מיט אַכט פּאָר אויגן בלויז, און ניט מיט טויזנט.

געווען איז שבת.

די פריע זון
האָט אויף דער וואַנט פון גרויסן בית־המדרש
באַוויזן אויפצוהענגען
אַ גאָלדענעם פּרוכת.
אַנטקעגן האָבן נאָך די ביימער
געמורמלט שחרית
מיט פּײַכטלעכע פאַרגעלטע
ליפּן.

אין מאַרק איז שטיל געווען.

שטיל,
אַז ס׳האָט דער אב הרחמים ניט געקענט ניט הערן
ווי ס׳קלאַפּן צינגעלעך
פון רעוואָלווערן
אַבט,
געצילט
אין אַ פאַרבלוטיקט
בערגל
ייִדן.
די ערשטע צען.

פיר ברידער זענען מיר געווען

צום יאָרצײַט פון מײַן ברודער לייבל

מײַן ברודער שׂמחה און מײַן ברודער ברוך —
שוין וויפל מאָל האָב איך דערציילט אין לידער
וועגן זיי. און כ׳וועל אויף ס׳נײַ
דערציילן און דערציילן ווידער.

מײַן ברודער שׂמחה און מײַן ברודער ברוך —
ווען נאַציס האָבן זיי געיאָגט מיט אַ געביל
פון שטאָט אַרויס, געיאָגט אַרויס פון לעבן —
געגאַנגען זענען זיי געהאָרכיק, שטיל.

עס האָט זיי קיינער ניט געגעבן קיין רעוואָלווער,
דאָס שטיינדעלע פון דודן האָט קיינער ניט פאַרמאָגט.
האָט איינער סטראָפן מאַרקישע געמורמלט,
דער אַנדערער אַ תּפילה האָט געזאָגט.

געטראַכט האָט ברוך, אַז דעם זומערס פּנים
איז פון אַ נאַצי. ניט ווי אינעם ליד
וואָס ער געשריבן האָט (האָט ער דאָס טאַקע ?)
פון סנאָפּעס גאָלדענע אין טעג פון שניט.

שׂמחה האָט זײַן מיידעלע געגלעט דאָס קעפּל,
דאָס הענטל פונעם ייִנגעלע געטרייסט ער האָט.
דערבײַ געזוכט מיט פינצטערניש אין אויגן
אין הויכע לעבער פונעם הימל — גאָט.

ביידע, ביידע ברידער,
געקומען זענען צו דער גרוב אין טאָל.
שוין וויפל מאָל האָב איך דערציילט דאָס,
און וועל דערציילן נאָך און נאָך אַ מאָל.

שטילער, שטילער

האָסט געזאָגט צו דײַנע שילער
און גערעדט צו זיך אַליין:
ווען דער טאָג וועט ווערן שטילער,
ווען פֿאַרשטילן וועט געוויין —

לאָמיר לויפֿן צו דעם סעדל
וואָס באַהאַלטן ליגט אין טאָל.
טאַנצן, זינגען אין אַ רעדל,
ווי מיר פֿלעגן טאָן אַמאָל:

גרויסע קינדער בײַ די זײַטן,
אין דער מיטן — די וואָס קליין.
ביז די ווײַטע ווײַטע ווײַטן
וועט דער טאָג אַ העלער שטיין.

דאָרטן וועט די שרעק ניט קומען,
אויך די שלעכטע נאַציס ניט,
טאַנצנדיקער טאָל, און בלומען,
און אַ זון וועט זײַן וואָס בליט.

נאָר דערווײַלע — שטילער, שטילער,
לאָמיר גליווערן ביז שטיין.
האָסטו געזאָגט צו דײַנע שילער,
און גערעדט צו זיך אַליין.

דורך פֿאַרמאַכטער טיר

צוויי פֿון מײַנע ברידער
קומען אָפּט צו מיר
דורך פֿאַרמאַכטן פֿענצטער,
דורך פֿאַרמאַכטער טיר.

זיי שלײַכן פֿונעם טונקל
צום טיש וואָס אין שײַן.
אין מײַן העפּטל לידער
קוקן זיי אַרײַן.

זיי מישן בלאָט נאָך בלעטל
פּאַמעלעך און געהיט.
נישטערן די שורות,
גיוכען צום געמיט.

זיי שווײַגן צו מיר ערנסט
ווען עס געפֿעלט זיי ניט,
טוען גרינג אַ שמייכל
בײַ אַ געראָטן ליד.

אַפּריל

כ׳האָב נאָך אַ מאָל געפֿרעגט די זון:
— ווי האָסטו שמייכלען דאַן געקענט?
האָט זי קיין ענטפֿער ניט געהאַט,
און ליבלעך מיר געגלעט די הענט.

כ׳האָב נאָך אַ מאָל דעם ווינט געפֿרעגט:
— פֿאַר וואָס האָסטו געאָטעמט לײַכט?
האָט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,
געקוקט מיט אויגן בלוי און פֿײַכט.

כ׳האָב בײַ מײַן שכן לאַנג געמאָנט:
— ווי האָט דער שלאָף דיך נישט פֿאַרלאָזט?
האָט ער די פּלייצע אויפֿגעשטעלט
שפּאַצירן זיך אַוועקגעלאָזט.

צו מײַן טאָכטער, איצט אַ מאַמע

דערצייל דאָס דײַן טאָכטער אָן בושה,
ווען פֿרעגן זי וועט דיך אַמאָל:
— דײַן באָבע, נאָך איר איז דײַן נאָמען,
געשטאָרבן איז ניט אין שפּיטאָל.

— אויך ניט פֿון אַ שלאָפֿקייט פֿאַרוויאַנעט
אויף אייגענעם בעט אין דער היים.
עס האָבן זי נאַציס דערשאָסן
אין טאָל מיט דער געלבלעכער ליים.

— וואָסער זינד איז באַגאַנגען דײַן באָבע?
האָט זי ווּעמען געבראַכט צו געוויין?
זי פֿלעגט בלוזקעלעך נייען איר טאָכטער,
ווי ווײַסינקע פֿלאָטערלעך שיין.

— גערעדט האָט זי שטיל און אויך ווייניק,
(בײַ דעם פֿענצטערל ליב געהאַט נייען).
אָבער גערעדט האָט זי ייִדיש,
געהייסן, ווי דו, רחל-לאה.

איך געדענק נאָך הײַנט איר פּנים

איך געדענק נאָך הײַנט איר פּנים,
איך געדענק נאָך הײַנט איר קול;
איך געדענק נאָך, אַז געהייסן
האָט זי לאה, לאה וואָל.

אַז איך פּלעג איר נאָמען שרײַבן
ווען איך בין געווען אַליין,
צושטעלן צו אירן מײַנעם —
עס זאָל זײַן אַ פּאָרל שיין.

זומער, איז אַ העלער בלוזקע,
געווען איז זי אַ שמעטערלינג,
ווי באַגערט האָב איך מיט פינגער
אָנרירן דעם שימער גרינג!

ווינטער, ווען געווען איר פּאַלטע
איז מיט פוכקן שניי פּאַרווייט —
געווען איז זי אַ ליכטיק ביימל
מיט אַ פרישן צוויט באַקליידט.

מיר געגאַנגען איז דאָס צענטע,
איר — דאָס אַכטע גוטע יאָר;
זיבן מאָל בין איך באַלד עלטער,
און איך זע נאָך איצטער קלאָר:

לאה׳ס בלוזקעלע אין שימער,
לאה׳ס פּאַלטעלע אין שניי. —
(בײַ דער גרוב, אַ פרוי אַ יונגע,
איז געשטאַנען זי אין ריי).

נאָכן זונפאַרגאַנג

געווען איז נישט קיין זונפאַרגאַנג —
אַ קרעמאַטאָריע האָט געגליט און אויסגעגליט.
איצטער:
וואַלקנס אַש
צעוואָרפן אויפן אָפגעקילטן הימל.
אויף דער ערד:
סקעלעטן פינצטערע, וויביימער אין דער נאַכט,
בגדים אָנגעלײַגט אין בערגלעך
שאָטנס.
שוואַרצע לאָנקעס האָר.
אַנטקעגן —
אַ לבנהיק בלוטיק אויג
פון נאַצי.

פרויען פון אומגעקומענע אין ים

דערציייל זיי נישט פון ים —
זיין װעלן װיינען.
דער זונפֿאַרגאַנג — אַ ברענענדיקע שיף,
װעט זינקען אין דער נאַכט
מיט לעצטן ברוכװאַרג:
(קאַלירטע שײַבלעך שײַן,
געפּלאַצטע
װאַלבנדיקע װענט)
ראַטעװע!
דער חלום װעט פֿאַרװאַנדלען זיי אין פֿיש.
מיט רויטע אויפֿגעמאַכטע פֿיסקלער,
מיט װײַסע גלאַנצנדיקע אויגן.
זיי װעלן װיפל מאָל אַרויפֿשווימען
צו פֿענצטער פֿינצטערע,
און קלאַפּן מיט די בײַכלעך צו דער שיף
װאָס איז נישטאָ.

מיסילס

דערווײַל זענען זיי פיש,
פייגל.
אין בויך פון שיפן,
פון עראָפּלאַנען,
זענען זיי שטיל ווי וואַסער,
גוט ווי העליום.
זיי שמייכלען אַפילו:
צו אַ בלייכן סטאַלאַקטיט,
צו אַ זילבערן
שטערנדל.
גלייב זיי נישט!
זיי וועלן אויפקראַכן!
זיי וועלן אָנצינדן
דעם ים,
אומוואַרפן
דעם הימל!

אַ קופּעל ביר

געדיכטער שוים באַדעקט, פון גלאָז דעם ראַנד
און רינט אַראָפּ מיט ווייַסע פינגער, גראָבע.
דורכגעשטאָכן איבער מיר די וואַנט
פיר קרומע הירשן־הערנער האָבן.

דער פולער קופּעל ציטערט אין מייַן האַנט
און מאַכט זי שווער. זייַן טונקעלער קאָליר
איז אומהיימלער, איז שרעקעדיק באַקאַנט.
מיט ברוינער בייזקייט ברויזט אין אים דאָס ביר.

ער זעט מיר אויס פון יענעם דייַטש דער קאַרק,
פון יענעם דייַטש, וואָס האָט מיט אַ געשריי
געטריבן מייַנע ברידער אויפן מאַרק;
ער זעט מיר אויס: אַ פויסט געבייַלט און שטאַרק
וואָס וויל מיך דורסן, איך זאָל פון ווייי
פאַרבלוטיקט אומפאַלן, ווי דעמאָלט זיי.

(דייַטשלאַנד, 1947)

דאָרטן

דאָרטן, ווו געוועזן איז אונדזער גאָרטן —
ווילדע גראָזן וואַקסן פינצטער דאָרטן.
דאָרטן, ווו געוועזן איז אונדזער הויז —
הויפנס שטיינער, הויפנס שטיינער בלויז.
פאַלט אויף שורות פינצטערע אַ טרער,
און די ווערטער פאַלן, ווי די שטיינער שווער.

(1947)

אַ טאַנק

בײַם ראַנד פֿון װעג ליגט אױסגעדרײט אַ טאַנק
מיט בױך אַרױף.
אַ לױב דער קראַפֿט, װאָס האָט פֿאַרהאַלטן אים אין לױף,
דעם בײזן ריז!
בלײַבע ליפּן פֿון אַ מאַמע פֿליסטערן: אַ דאַנק. אַ דאַנק.
ער לעבט מײַן זון, ער לעבט! מיט האַלבע פֿיס.

פּראַנט

אַ שאַרפֿער דינער סװישטש. פֿון װײַטע טיפֿן
קומט אָן אַן אױפֿגעטרײסלטע די אונטערערד. עס קראַכט.
אױף פֿעלדער װאַקסן מאַנסטערישע ריפּן
פֿון ברענענדיקע טאַנקען אין דער נאַכט.
דער הימל איז משוגע. פֿײַערדיקע שיפֿן
זענען זײַנע פֿײגל. און ער לאַכט.

הײמלאָזע

אַלע די, װאָס פֿרײען זיך מיט אַ פֿאַרפֿױלטן ציבל,
מיט ברודיק װאַסער אין אַ ראָװ בײַם שליאַך,
אַלע די, פֿאַר װעמען הימל איז אַ דאַך,
און דער צוקאָפּנס איז אַ בינטל גראָז —
שפּאַרן זיך אַרײַן צו מיר אין זאַטן שטיבל,
און טײַטלען מיט די פֿינגער אױף דער טײ אין גלאָז.

(1947)

מיט חיים גראַדעס ערשטע לידער

איך האָב געלייענט זײַנע לידער
אין מײַנע יונגע יאָרן נאָך;
אויפן קול געזאָגט די סטראָפן
און געשוויגן לאַנג דערנאָך.

לאַנג און טרויעריק געשוויגן.
געהערט אַ קאַפּען טראָפּ נאָך טראָפּ,
געזען ווי אין קיך די באָבע
בייגט צום אויוון אײַן דעם קאָפּ,

מיט די פינגער שאַרט די קוילן,
בלאָזט און בלאָזט מיט ליפּן מיד.
(יאָ, געווען איז דאָס מײַן באָבע.
נישט די מאַמע וואָס אין ליד).

געזען קלאָר דעם אַלטן עמער,
עס האָט דער ברודער אים פּאַרלייט,
נאָר ער גערונען האָט, גערונען,
באַוויינט זײַן זיקנה שטילערהייט.

דאָס רויכיק לעמפּל. ס'האָט די שוועסטער
געטוליעט עס אין וייך געוואַנט,
געגלעט דאָס בײַכעלע פון גלעזל,
געפּוצט פון באַנקעלע דעם ראַנד.

האָב איך געלייענט זײַנע לידער
איך לייען זיי אַצינדערט נאָך.
אויפֿן קול איך זאָג די סטראָפֿן,
טרויעריק איך שווײַג דערנאָך.

*

זײַן גילדערנער שפּיגל — די שקיעה —
שפּיגלט נאָך איצט אויף מײַן וויע.
נישט זעלטן עס ווײנט אין נשמה
זײַן איינזאַמע ווערבע, די לאַמע.

אין וויגל

ווײַל איך האָב קיין מאַמע נישט —
איז די וויג אַ שויס,
און אַ ברוסט, אַ וואַרעמע,
שטרעקט די קישן אויס,

ווײַל איך האָב קיין מאַמע נישט —
מיט אַ ווײַסער האַנט
צערטלט מיר דאָס פּנימל
די היטנדיקע וואַנט.

ווײַל איך האָב קיין מאַמע נישט —
ווערן שפּעטער שטערן,
אין די נעבט, די עלנטע,
טראָפּנס מילך ווערן.

מײַן שוועסטער האָט געשריבן לידער

מײַן שוועסטער האָט געשריבן לידער
(דערציילט האָט מען בײַ אונדז אין הויז)
פלעגט זיצן לעבן גרויסן פענצטער
בײַ דעם פאַרנאַכט אין שויס.

אַ בלײַער אין פאַרטראַכטע פינגער,
פאַפּיר אַ בייגעלע, נישט גרויס,
אין שײַן פון אויפגעשמייכלט פנים —
בײַ דעם פאַרנאַכט אין שויס.

די מאַמע האָט מיט זאָרג געטענהט:
נעמסט די אויגן זיך אַרויס.
זי — אַ שווײַגיק פלייציק בערגל
בײַ דעם פאַרנאַכט אין שויס.

לאַנג אין אַ שפּיטאָל געלעגן
(געהערט האָב איך זיך שושקען בלויז)
איז זי פון טיפוס אויסגעגאַנגען
בײַ אַ פאַרנאַכט אין שויס.

שיינקייטן וואָס זענען מער נישטאָ

הײַנט וועל איך נישט ראַזירן דאָס געזיכט.
נישט צופּוצן דאָס העמד מיט אַ קראַוואַט.
דער קאָלנער אויסגעבויגן, זײַן וועט נישט פֿאַרריכט,
דאָס פּנים מיט אַ שאָטן האַריקן, נישט גלאַט.

איך וועל נישט גיין הײַנט מיט דער שיינער גאַס,
נישט נאָכקוקן שפּאַצירנדיקע פּיס.
פֿאַרבלײַבן וועל איך אויפֿן גאָרן — מײַן פּאַרנאַס —
ווו גאָרנישט רירט זיך און אַ שטילקייט איז.

טראַכטן פֿון אַמאָל, אַמאָל, איך וועל,
פֿון שיינקייטן וואָס זענען מער נישטאָ:
פֿון סיגאַלס ייִנגעלער אויף אומעטיקער שוועל,
פֿון מאַנגערס מאַמעס מיט די קריגלעך בלאָ.

פֿון איר, מאַרלענע דיטריך, אויף דער קינאָ־וואַנט,
וואָס כ'פֿלעג זי אָנקוקן מיט אַ באַגער,
און פֿון לבנה אין צעקריגטן לאַנד —
די פֿון גרענאַדע — ווי אַ גרויסע טרער.

דער נעכטן איז אַוועק

דער נעכטן איז אַוועק. דער טרויער איז געבליבן.
אין די לידער מײַנע האָט ער זיך פֿאַרקליבן.

אין די לידער מײַנע שפּרייט ער אויס אַ שאָטן
איבער טראָטוארן, איבער שטאָק און דראָטן.

אין אַ טאָג אַ קלאָרן, ווען די הײַזער פֿינקלען,
יענע גריבער גלאָצן פֿון די העלע ווינקלען.

אין אַ נאַכט אַ שטילער, ווען עס שלאָפֿן הײַזער,
יענע שׂריפֿה־רויכן איבער דעכער קרײַזן.

דער נעכטן איז אַוועק, דער טרויער וועט פֿאַרבלײַבן.
אויכעט אין די לידער וואָס איך וועל ניט שרײַבן.

די שטאָט ניו־יאָרק

אינעם אומרו פון דער שטאָט

אינעם אומרו פון דער שטאָט
געפונען האָב איך רו,
אין דעם טומל, אין דעם יאָג,
פון דער עוועניו.

ווײַל אין פלאַטער פון אַ קלייד
איז אַ פרייד פאַראַן,
און אַ זיכערקייט אין באַס
וואָס עס טרײַבט דער מאַן.

ווײַל מיט קוסטעס מענטשן דאָ
בליט דער פאַרק געדיכט,
און די געלע טעקסי שמייכלט
מיט אַ ווײַסן ליכט.

איצטער שרעקט מיך נישט קיין קול,
קיין פנים נישט, קיין בליק,
ווי מיך געשראָקן דעמאָלט האָט —
מיט אַ וועלט צוריק.

די שטאָט ניו־יאָרק

די שטאָט ניו־יאָרק,
אין אָוונט,
צינדט אָן די לאָמפּן אירע —
בלומען,
שמעטערלינגען,
צווייַגן
ליכט.
זי אַליין
איז אין דער לאַנגער נאַכט
אַ גרויסער,
שייַנענדיקער
לאָמפּ —
פאַר הימלאָזע,
פאַר ווייַטע
הימלען.

די שטאָט ניו־יאָרק,
גאַנצפרי,
פאַרלעשט די לאָמפּן אירע.
אין ווייַסער בלינדקייט
שטויסן זיך
געשטיינען ריזיקע;

מעטאַלענע אַמעבעס
טיילן זיך
אויף אויטאָבוסן,
לימוזינען.
אַרום זיי —
מיקראָבן מיקראָסקאָפּישע
פון אינליקע,
אַנטלויפנדיקע
מענטשן.

מעטראָפּאָליע

1. טאָג

אויפן פּנים פון טאָג
אַ ליכטיקער שמייכל:
עס פליען די גאַרנס
אין הימלשע הייכן.

די מײַלער פון קראָמען,
זיי שלינגען אַן אויפהער
ווי פייגל צעפּלאָשעט
די ווינטיקע קויפערס.

פון גופים אַ כוואַליע
נאָך כוואַליע וויברירט —
אַ פּלאַץ אין דער ענגשאַפט
איז דאָ אויך פאַר מיר.

2. נאַכט

איר פּנים אין שמינקע —
געצונדענע פאַרבן
ווילן פאַרווישן
פון הײַזער די קאַרבן.

אין עוועניוס, גאַסן,
געקנייטשט איז איר שויס
מיט מענטשן, מאַשינען,
אין מידן געשטויס.

עס שלאָפט נישט די נאַכט.
דאָ וועט זי נישט שלאָפן —
זי האָט אויף איר וועג
קיין מאַנהעטן געטראָפן.

אין מאַנהעטן

אין ערגעץ נישט שפּאַציר איך אַזוי גערן
ווי אויף די טראָטואַרנע סטעזשקעס
פון מאַנהעטן.
פאַרבײַ די ביימער שטיינערנע
מיט ברייטע אויפגעמאַכטע בלעטער
פון באַלקאָנען,
מיט גרויסע שײַנענדיקע טראָפּנס
שויבן.
פאַרבײַ די זשוקעלער מעטאַלענע,
וואָס לויפן הין און צוריק אויף גראָבע קײַלעכדיקע
פיסלער.
און ליב איז מיר
פון דעם פאַרשטיינערטן און טומלענדיקן
פאַרק —
דער שטיין, דער טומל.

*

דער וואָלקנקראַצער האָט פאַרהאַלטן אים.
איז ער געבליבן שטיין
(פאַרחידושט מערער ווי דערשראָקן)
מיט נאָסן ליַיב אַרומגעטאַפּט די ווענט,
פון שויבן אָפּגעווישט דעם גלאַנץ,
אַרײַנגעלויכטן מיט אַ בליץ האָט ער
אין נישע פון אַן אָפּיס
און —
פאַרויס אַ ריס געטאָן זיך
מיט אַ דונער.
דער וואָלקנקראַצער האָט אים אָפּגעלאָזט,
דעם וואָלקן.

שקיעה

וועסט ניט קיינמאָל זען אין מאַנהעטן
די קאָלירטע קײַלעכדיקע וואַזע
פון אַ שקיעה.
(זי ווערט צעבראָכן בײַ דעם הויכן פּלויט
פון שמאָלע,
ברייטע
וואָלקנקראַצערס.)
בלויז די שערבלעך אירע
גלאַנצן טרויעריקע אין האָטעלן,
אויף ווענטלעך ניקלנע
פון אַלטע בעטן;
אין שעפער מיט פאַרשטויבטע שויבן
פלעקן זיי די העלדזער
פון ניי־מאַשינען,
דין
און בלוטיק.
קענסט אַ מאָל אין אָפיס אַנטרעטן פאַרנאַכט
אויף אַ בלייכן שערבל
פון מאַנהעטנס
שקיעה.
וועסט אויפן וועג אַהיים
אומזיסט
זי זוכן.

אויף אַ שפּאַציר אין ראָקעפעלער צענטער

אַ פּאַסטעך בין איך איצט אין ראָקעפעלער צענטער,
אַ פּאַסטעך פון אַ סטאַדע
וואָלקן־קראַצערס.
איך היט
זיי זאָלן, חס ושלום, נישט פאַרבלאָנדזשען
אינעם דזשאַנגל
פון דער מעטראָפּאָליע.
מיט פאַרגעניגן
זע איך ווי זיי טרינקען פון די כמאַרעס,
באָדן זיך אין ריינעם הימל־וואַסער
זשיראַפּיקע, גראַציעזע.

זיי ווייסן סודות וואָס די מענטשן ווייסן נישט.
פון זריחות ווייסן זיי, פון האָריזאָנטן
וואָס ברענגען אויף דער וועלט אַ גרויסע, גרויסע זון
און גייען אָפּ
מיט פייַער.
פון שקיעות ווייסן זיי,
פון זון
אין פאַרביקע תכריכים
זיי לייענען די ווייַטסטע שטערנשריפט
בייַם שייַן
פון היגע לאָמפּן.

און ס׳בעט דער פֿאַסטעך זייערער:
נישט וויסן זאָלן זיי פֿון יענער פֿײַערדיקער זון,
פֿון יענער פֿײַערדיקער זון, וואָס טראַגעדיק מיט איר
איז דער פּלאַנעט.
אַן אויסגעפּאַרעמט שלווהדיק געשטאַלט
האָט זי;
אַ שוואָמגעשטאַלט, אַ בוימגעשטאַלט,
און ס׳בעט דער פֿאַסטעך זייערער,
אַז טרינקען זאָלן זיי אויך ווײַטער פֿון די כמאַרעס,
און באָדן זיך אין ריינעם הימל־וואַסער
זשיראַפֿיקע, גראַציעזע.

אַספּאַלטירטע גאַס

אַספּאַלט איז גרויער שטיין. דאָך איז גענוג
פון זון אַ וואַרעמער באַריר —
און אָפּגיין וועט פון אים דאָס גרוי,
ער וועט אַ לײַכט טאָן מיט קאָליר.

אַ קאָליר פון ווײַס, פאַרמישט
מיט אַ בלייבער געלבלעכקייט,
ווי דאָס זאַמד וואָס האָט אַמאָל
ערגעץ דאָ זיך אויסגעשפּרייט.

אָבער ווען מיט שמאַטעס וואַסער
וואַשט אים אָפּ דער רעגן ריין —
גלאַנצט ער אין דער זון אַ קלאָרער,
ווי פון ניקל, נישט פון שטיין.

יאָגן איבער אים מאַשינען,
שווינדלען אײַלנדיקע שיך,
און אַפילו הײַזער קומען —
שיינע הײַזער — שפּיגלען זיך.

זונטיק אין דער פרי

נײַן אַ זייגער. זונטיק אין דער פרי.
אַ ליידי פירט איר הינטעלע שפּאַצירן.
אָנגעצונדענע עקסטאַזן פון בײַנאַכט
גליען נאָך אין מידן בוזעם אירן.

נײַן אַ זייגער, זונטיק אין דער פרי.
אַ בעטלער גאַפט אין שויב פון לאַנטשאַנעט:
ער זעט אַ טאָרט מיט אַ פאַרברוינט געזיכט,
און קיכלער, זעט ער, אויסגערוט און פעט.

נײַן אַ זייגער, זונטיק אין דער פרי.
פאַרטיפט אין טראַכטעניש איז דער פּאָעט:
דעם בעטלער גיט ער ס'הינטעלע אַוועק,
די ליידי נעמט ער אין לאַנטשאַנעט.

נאָך האַלבן טאָג, נאָך האַלבער נאַכט

נאָך האַלבן טאָג
דערעסן ווערט דער זון
די שטאָט.
אַזויפיל מאָנסטערס גלאָצן מיט די שויבן.
אַזאַ פליסיקער כאַאָס
פון פנימער,
פון פיס און נאַקעט לײַב.
לאָזט זי זיך פּאַוואָלינקע אַראָפּ
אויף שטראָלנדיקע עסקאַלייטאָרס,
דורך שטאָקן הימלישע,
צום האָריזאָנט.
דאָרטן, צווישן שטייענדיקן עולם
ביימער.
וועט איר פרייַלעך ווערן.

נאָך האַלבער נאַכט
ווערן דער לבנה נמאס
די שלאָפנדיקע דעכער,
די ווענט פון שטיין.
זי וויל אַ שמייכל זען,
אַ וואַכיק פנים,
אַ שטיקל לײַב.
לאָזט זי זיך פּאַוואָלינקע אַראָפּ
אויף בלויע עסקאַלייטאָרס,
דורך שטאָקן הימל
און קוקט פאַרגאַפט אַרײַן
אין פאַלדן
פון ווענעציאַנער סודותדיקע
שטאָרן.

אַ באַגעגעניש אין טײַמס־סקווער

מיט יונגער דרײַסטקייט האָט זי געזאָגט: העלאָ!
כ'האָב דזשענטלמעניש איר געענטפערט: הײַ!
געווען איז דאָס אין מיטן טײַמס־סקווער. יאָ,
געווען איז דאָס אין מיטן חודש מאַי.

זי האָט געשמייכלט און האָט עלעגאַנט
געוויזן צו דער טיר פון אַ האָטעל.
איך האָב פאַרפירט נאָך איר נישט נאָכגעשפּאַנט,
אויך נישט אַנטלאָפן בין איך פון איר שנעל.

איך האָב געזאָגט: תלמידות מיינע זענען אַלט ווי דו,
און זענען שיין. אַזוי ווי דו ביסט שיין.
— אַ דאַנק — האָט זי געזאָגט — גיב זיי מײַן גרוס,
און עלעגאַנט געלאָזט זיך ווײַטער גיין.

עס איז די העלע עווענין געלאָפן גיך,
מיט אָטעם וואַרעמען, אַ היימישע און פרײַ.
פון נעבטן פריילעכער אַ סך, האָב איך
שפּאַצירט אין טײַמס־סקווער, אינעם טאָג פון מאַי.

BAGLADY

ווי קינדער צווײ זי וואָלט צו זיך געטוליעט
האַלט זי ארום די בײדע זעקלעך אירע,
מיט קלײדלעך פול, מיט העמדער, בלוזקעס,
און מיט דעם אָטעם פון איר לעצטער דירה.

די הײַזער פרעמד. בײַ טירן שטײַפע היטער,
הויכע פענצטער קלעטערן נאָך העכער.
עס יאָגט די גאַס אויף פיס און אויף מאַשינען,
אַ פרוטה פאַלט. אַ מאָל אַ בליק, אַ פרעכער.

אין אָוונט קומען לאָמפּן, לאָמפּן, לאָמפּן.
פון גאָרנס קומען זײ און פון דער נידער.
די שײַן צענישטערט אירע האָר, די קלײדער,
טריקנט אויס דעם שלאָף פון אירע גלידער.

צום סוף קומט רו. די זעקלעך ווערן פליגלען.
זײ טראָגן זי אַוועק אין די אַהינען,
וווּ גרויסע שטערן שײַנען, נישט קײן לאָמפּן,
וווּ שטילע פײגל פליען, נישט מאַשינען.

אויפן פענצטער

אויפן פענצטער פון מײַן שכנה
בליט אַ קליינער בלומען־טאָפּ —
דאַכט זיך מיר דאָס איז מײַן שכנה׳ס
אָנדולירטער שיינער קאָפּ.

אויפן פענצטער פון מײַן שכנה
רוט אַ שטרײַף פון זון בײַם ראַנד —
דאַכט זיך מיר דאָס האָט מײַן שכנה
אָנגעשפּאַרט איר בלייכע האַנט.

אויפן פענצטער פון מײַן שכנה
בלאָזט דאָס פאָרהאַנגל זיך אָן —
דאַכט זיך מיר דאָס שטייט מײַן שכנה
אין ווײַסער בלוזקע אָנגעטאָן.

עס מאַכט מיר אומעטיק

דאָס לידיקע, דאָס ריינע
ליַילעכל
פּאַפּיר —
עס איז נישט זוכה,
אַז שלאָפן זאָל אויף דעם
אַ ליד.

אַ שלאַנקע פרוי,
וואָס פירט אַ כמאַריקן קודלאַטן
הונט —
ער זאָל זיך טוליען
צו די שלאַנקע אירע
פיס.

אַ פּנים פרייד
וואָס לאַכט אַרײַן אין שרײַיִקן טיווי,
ווען הענט צעטומלטע
באַפאַלן
אַ דערשראָקענעם, אַ בלייכן
האַלדז.

בלומען צום פּאַרקויפן

נישט ווײַט פון סאַבוויי, בײַ אַ וואַנט פון שטיין,
פּאַרטויבטע פונעם גאַסיקן געשריי,
די קעפּעלער אַרויפגעהויבן שיין, —
אין פּאַפּירענע כאַלאַטלער שטייען זיי.

דאָ נישט לאַנג, צריק מיט איין נסיעה בלויז,
געוועזן זענען זיי גאָר רויזן, טוליפּאַנען.
גענערט האָט זיי די ערד מיט זאַפטן פון איר שויס,
דער הימל האָט געגאָסן שײַן פון בלויע קאַנען.

איצטער — שלאַנקע קראַנקע מיידלער זענען דאָס.
די טאַליעס דין, אַרומגענומען מיטן זײַד
פון בענדעלער, די פּנימלער מיט ראָז
פאַרוויאַנעטן — די פאַרב פון לײַד.

קויף איין בוקעט פאַר זיך. אין שפּעטער שעה
וועט פאַרן שלאָף אַ זעונג צו דיר קומען:
עס וועט די שטילקייט אויפלויכטן מיט בלאָ,
און וואַרפן זיך פון פענצטער וועלן בלומען.

בײַ נאַכט אויפֿן הימל

דער וואָגן איז גרייט.
דאָס פֿערד איז נאָך אַלץ נישט געקומען.

אַ וואָלקן געפּוצט האָט די רעדער, די פּיר,
זיי גלאַנצן;
אַ ווינט האָט דעם דישעל געוואָלט מאַכן גלײַך,
געשלעפּט בײַ דעם פֿאָדערשטן שטערן,
געקלאַפּט אין דער מיט, אינעם צווייטן —
דעם עלנבויגן.
עס האָט נישט געהאָלפֿן, —
קרום איז געבליבן דער דישעל.
עס וואַרט די לבֿנה דער וואָגן זאָל רירן.
זי האָט שוין דאָס פּנים באַפּודערט,
אויף אַקסלען פֿאַרוואָרפֿן פֿון בלויען אַ שאַל.
זי האָט שוין אַרונטערגעשמייכלט צום שלאַנקן
באַלויכטענעם
מויער,
דאָרט זיצט ער,
דאָרט זיצט ער, דער דיכטער, וואָס האָט זי פֿאַרגעסן.
ער שרײַבט נישט קיין לידער צו איר.
ער שרײַבט גאָר פֿון לאָמפּן.

פון לאַמפּן וואָס קוקן איר נאָך פון די פענצטער.
פון לאַמפּן וואָס גלאָצן אַרויף פון די גאַסן.
פון לאַמפּן וואָס ווײַזן דעם וועג די מאַשינען,
וואָס ווינקען,
וואָס שמייכלען,
שפּיאָנירן.
וואָס יאָגן זי נאָך אויף איר אייגענעם הימל,
פון לאַמפּן וואָס פינקלען ווי שטערן,
וואָס לויכטן
ווי גרויסע לבנות.

דאָס פערד איז נאָך אַלץ נישט געקומען.

די עלעגאַנטע ליידיס

זיי גייען מיך פאַרבײַ, די עלעגאַנטע ליידיס,
אויף לעקסינגטאָן, אויף מעדיסאָן, אויף פּאַרק.
זיי גייען מיך פאַרבײַ
מיט ווײַסע שמייכלען אין די האָר,
מיט שׂמחה אויף די ליפּן,
זיי טראַכטן ניט פון מיר, די עלעגאַנטע ליידיס,
און ווייסן ניט, אַז איך —
איך ווייס ווּהין זיי גייען,
נאָך וואָס.
כ׳וועל הײַנט דערציילן דאָס
מײַן פרײַנד —
דער נאַכט.

גראַפּיטי

ווער האָט די ליכטיקייט פון ווינטער־טאָג
אַוועקגענומען ?
פאַרטונקלט
מיט גראַפּיטי ?

אויבן אויפן בלויען —
אויסגעמאָלן מיאוסע גרויע כמאַרעס,
דעם האָריזאָנט מיט קרומע שורות מויערן
פאַרשריבן ?
אונטן אויפן ווײַסן —
אָנגעצייכנט אין בהלה
גייענדיקע גאַסן.
פליענדיקע בריקן ?
פלעקן פאַרביקע געמאַכט
פון פנימער,
וויטרינעס,
ווענט און דעכער ?

ווער האָט די ליכטיקייט פון ווינטער־טאָג
אַוועקגענומען,
פאַרטונקלט מיט גראַפּיטי ?

קאַרס אין שנײ

קאַרס מיט שנײ פֿאַרשאָטן זענען נישט
קיין קאַרס. זײ זענען ווײַסע
הינער.
אין רעשטלער וואַרעמקייט
פֿון מענטשן,
געזאַלין,
פֿון לאָמפּן אויסגעלאָשענע —
זיצן זײ פֿאַרטוליעטע צום ברוק,
(מיט אויפֿגעבלאָזענעם פֿון ווינט געפֿעדער)
און בריען
שטיינער,
לאַנג־געשטאָרבענע.

אַן אָפֿיס

ווענט וואָס ווייסן ניט דעם טעם פֿון טאָג,
פֿענצטער קענען ניט די פֿאַרב פֿון אָוונט,
לאַנגע לאָמפּן איבער דעם סופֿיט,
ווי בלייבע שורות, אויסגעווירעט שמאָל.

קאַרטלער, מעמאָס, בריוו, באַהאַלטן זיך
אין קעסטלעך פֿינצטערניש; ווײַטער,
ווײַטער פֿון צעטומלטע, פֿון
אײַלנדיקע שרײַב־מאַשינקעס.

— וואָס איז זון?
פֿרעגן מיך די ווענט.
— וואָס מיינט לבֿנה?
פֿרעגן בײַ מיר שויבן.

אַלטער לערער

די יונגע פרוי פון קאַראָליינאַ
שטייט איינגעפּרעסט מיט אים אין אָנגעפּאַקטן סאַבוויי.
זי רעדט פון טאָמאַס וואָלף,
פון פאָולקנערן,
פון פלעקן פאַרביקע אויף אַ געמעל,
וואָס ווילן זיין
אַ לאַנדשאַפט.
ער טראַכט צי ערגעץ־ווו
שטייט אַ תּלמידה זיינע,
(אין זעלבן עלטער)
שטייט נאָענט צו אַן אַלטן מאַן,
און רעדט צו אים פון גלאַזמאַנען,
פון אַפּאַטאָשו
פון גרינגע גאָלדענע געוועבן
אָנגעהויכט
אויף פּסחדיקע כּוסות.
ער טראַכט:
ווען ס'וואָלט די סאַבוויי אויסגעקערעוועט זיך
אויף צוריק,
צוריק,
אויף מיילן, מיילן, מיילן
צייט!

BABY M

עס גלעטן דיך צוויי גוטע הענט,
אַ מויל קושט ווידער, ווידער.
אויף דער טאָג און אויף די נאַכט
צערטלען דײַנע גלידער.

איצטער איז די צײַט פֿאַר דיר
פֿון זען און פֿון הערן,
פֿון גאָרנישט וויסן און פֿאַרשטיין,
פֿון גליקלעכן נישטקלערן.

קומען שפּעטער וועלן טעג
פֿון אומרו אײַנגעשפּאַרטן;
בײַ דעם קלונג פֿון טעלעפֿאָן
ווערסט אויף עפּעס וואַרטן.

קומען שפּעטער וועלן נעכט
פֿון שלאָפֿן און נישט שלאָפֿן,
פֿון אָנונגען, געאַנטע קוים,
וואָס עס איז פֿאַרלאָפֿן.

וואָלט איך געוווּסט ווי העלפֿן דיר
זײַן זאָל דעמאָלט גרינגער!
ווייס איך נישט. איז קוש איך אויף
דײַנע פּיצל פֿינגער.

מערץ 1987

נישט אויסטײַטשן
דעם זונפֿאַרגאַנג

געבורטסטאָג

עס האָט געדענקט מײַן זון, אַז הײַנט
איז מײַן געבורטסטאָג,
געדענקט עס האָט די טאָכטער.

גליט אויפֿן טיש
אַ טאָרט — אַ קלײנע זון —
פֿאַרצויגן
מיט אַ פּאַפּירענעם, אַ העלן,
וואָלקן.
שטרעקט אויס אַ פֿלאַש
איר שלאַנקן, שײַנענדיקן
האַלדז
אַריבער בערגלעך פּרוכט —
מע זאָל זי נעמען.

און איך —
איך פֿלי מיט זון און טאָכטער
צום גאָרן זיבעטן
פֿון הימל.

אַ געזינד זאַלבע דריט

אַ טאַטע. אַ מאַמע. אַ קינד אין דער מיטן.
די קאַר יאָגט אויף גלאַטן אַספּאַלט, ווי אַ שליטן
אויף אַ גליטשיקן שניי. נאָר זי לאָזט נישט קיין שניטן.

די רחבותן לויפן אַנטקעגן צעגרינט.
דורך אָפענע פענצטער טאַנצט קונציק דער ווינט.
ס'איז גוט צו זײַן טאַטע און מאַמע און קינד.

אַ וואַלד טוט מיט ביימערשער חדוה אַ פלי.
דערנעבן — אַ טײַכל מיט זילבערנעם גלי.
און אָט איז אַ פאַרם מיט בערגעלער קי.

טונעלן און בריקן. שאָסיי נאָך שאָסיי.
פרײַנטלעכע שטעט אין אַן אײַליק געדריי
פאַכן מיט פאַרביקע הײַזער צו זיי.

דער טאַטע זינגט מיט מיטן ראַדיאָ אַ ליד.
די ברוסט פון דער מאַמען דאָס עופעלע ציט.
גוט איז זיי אַלעמען זײַן זאַלבע דריט.

אַ טאַטע

מיט ווײַב און מיט קינדער דער זון איז אַצינד.
אַ ריידן, אַ לאַכן, אַ פריילעך געשריי.
די זון איז אַ טעלער מיט האָניק. עס רינט
די גאָלדענע פליסיקייט גלײַך איבער זיי.

די טאָכטער בײַם ים איז. (אין שווייסן דער טאָג
קילט זיך אין וואַסער מיט הימל אַראָפּ).
זי שווימט איבער כוואַליעס מיט שטיפּיקן יאָג,
און רוט זיך דערנאָך אויף אַ וואַלקנדל אָפּ.

ווײַט זענען ביידע פון טאַטן. אויך ער
וועט הײַנט אין דער היים ניט פאַרבלײַבן אויף לאַנג.
עס וואַרטן די ביימער אויף אים אינעם סקווער,
עס וואַרט אינעם שאָטן — אַן איינזאַמע באַנק.

בײַ דעם טיש געגרייטן

שטיל.
בײַ דעם טיש געגרייטן:
אַ פּלייצע
(מצבהדיק מאַסיוו)
אָנטקעגן אַ צעבראָכן
פּנים.
שטיל.
איבער טיש געגרייטן
פאַלן
מעסערס שווײַגן.

עלטער

די אַלטיטשקע

די אַלטיטשקע פּאָרט פינף מאָל אין טאָג אַראָפּ
אַרויסנעמען די פּאָסט.
זי עפנט אויף
דאָס קעסטל פינצטערניש —
אַ שטייענדיקער
קליינער
קבר.
זי זוכט אַרום מיט ציטעריקע פינגער
אין טויטן
חלל
און שלײַכט צוריק
צום אײַלנדיקן
גרויסן קאַסטן
פון עלעווייטאָר.

PA, HAVE A SEAT

איך האָב אַ זונעלע געהאַט שוין דאַן
פון פינף יאָר,
ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל געהערט:
Pa, Have a Seat.

(געזאָגט האָט דאָס צו מיר מיט יונגן קול
אַ פרעמדער מאַן)
איז מיט אַ מאָל
געוואָרן שטיל אין מײַן געמיט.

און גראָ
און אַלט.
און קלאָר איז מיר צום ערשטן מאָל געוואָרן,
קלאָר:

איך האָב אַ זונעלע שוין איצט
פון פינף יאָר.

רחלע אַליין

עס גייט צו איר דער טיש
מיט שטילע גוטע פיס —
דעם טאַטנס.

אָן אַ פלייצע
בייגט זיך איַין צום וויגעלע —
די מאַמע.

זון

אויפשטיין אין דער פרי און זען אויפן בעט
צוויי שויבן זון.
טרעטן אינעם וואַשצימער אויף שפּיגעלעך
פון זון.
די קאַווע אויסמישן מיט מילך
און מיט זון.
צענעמען פונעם איי די ווענט און אויפגראָבן
אַ גאַנצע
זון.

אונדזער גוטער אליהו

מיט די גוטע אויגן,
מיט דער גוטער גראָער באָרד,
מיטן לאַנגן גוטן שטעקן,
מיט אַ גרויסן זאַק
געדולד —
קומט נישט מער צו קינדער אינעם שלאָף.
אַ קאָסמאָנאַוט
מיט הויכער בערגלדיקער
פּלייצע,
טראָגט מײַן אייניקל אַוועק
אין פינצטערע, אין פרעמדע
רוימען.

קראַנקע

נישט זיי די קראַנקע זענען, דאָס ליגט די נאַכט
אַנעסטעזירט אין פּוסטן סקוועך.
די אויגן אירע צוגעמאַכט,
דער אָטעם פיבערדיק און שווער.

מיט לאָמפּן אויפגעהויבן הויך
די גאַסן שטייען אַרום איר.
זיי לײַכטן צו איר הוילן בויך
מיט גרויסן פינצטערן געשוויר.

זיי וואַרטן. באַלד וועט אין כאַלאַט
פון ווײַסן וואָלקנשטאָף גענייט
אַרויס דער דאָקטער. שאַרף און גלאַט
ליגט אין זײַן האַנט דער סקאַלפּעל גרייט.

*

אויך זען זיי די פּיטערפּלעצער גראָזיקע,
די שטילע וואַסערן.
אויפגעוואַכטע —
לאָזן זיי נישט אָפּ דעם טרײַען ראַנד
פון בעט,
צערטלען דעם פלאַנעל פון היימישער פּיזשאַמע,
און בענקען.
בענקען צו די שטילע וואַסערן,
צו פּיטערפּלעצער גראָזיקע
פון חלום.

אין זונפאַרגאַנג

דאָס פײַגעלע

דאָס פייגעלע, דאָס ברעקעלע, איז מוראדיק צעחושט:
הייסע שטראַלן האָבן דאָס אין גאַנצן אויסגעקושט.
האַלט עס אָן דאָס צווײַגל מיט די פיסעלעך קוים־קוים.
ווינטל טײַערס, זאָלסט חלילה ניט אַ טרייסל טאָן דעם בוים!

דער בוים

דער בוים אין פלאַמען ביז די קנעכל שטייט,
אין פלאַמען שקיעה און אין פלאַמען פרייד.
רויטע האָריזאָנטן גאַפּן: זע,
ער ברענט ווי דעמאָלט האָט געברענט דער סנה.

אַ הויז

אַ הויז אין זונפאַרגאַנג איז אין בהלה:
ווו טוט מען זיך אַהין?
איין וואַנט איז אײַנגעהילט מיט שאַטנדיקער פאַלע,
די צווייטע פלאַקערט ווי אַ קין.

פּאָעטישע טויב

די טויב, וואָס זי קומט צו מײַן פענצטער,
אַ דיכטערין איז זי, די טויב.
זי מיינט, אַז אַ זון איז מײַן פּנים,
אַ הימל, אַ הויכער — מײַן שויב.

זי זעט ווי אַ כמאַרקעלע, נאַקעט,
באָדט זיך אין גלעזערנעם בלאָ.
זי זעט האָריזאָנטן, צעהעלטע
פון עפּעס אַ פלאַם וואָס איז דאָ.

טראַכט זי געוויס: פון מײַן פּנים
די וואַרעמע ליכטיקייט גייט.
און לאָזט זיך אַראָפּ אויפן פענצטער,
און וואַרקעט פּאָעטישע רייד.

מיט רחמנות אויף דער קראָ

...האָט גאָט געזאָגט צו נח׳ן :
נעם אים אַריין...
(צאינה וראינה)

ווינטער אינעם קלאָרן שניי,
זומער ווען ס׳איז גרין און בלאָ,
לעבט איר לעבן אָפּ אין וויי,
לעבט איר לעבן אָפּ די קראָ.

שוואַרץ איז זי. אַ בייזער פלעק
אויפן הימל, אויפן גראָז.
פליען פייגעלעך אַוועק,
שפרינגט דערשראָקן אָפּ דער האָז.

שוואַרץ איז זי. ווי גערן, גערן
וואָלט זי אַ ברוינעם עק געהאָט!
אַ רויטן פינטל אויפן שטערן,
אַ ליכטיק העלדזל, ווײַס און גלאַט.

ווי כּל־המינים פייגל האָבן,
אַפילו פליגן, ווערעם, שנעק.
זאָגט, פאַרוואָס באַדאַרפן ראָבן
פינצטערן אין העלע טעג?

שוואַרץ איז זי, די וועלט איז פאַרביק.
אויך מענטשן זענען מיט איר האַרב.
זי דערמאָנט זיי: אַלץ איז שטאַרביק,
אַלץ וועט פינצטער זײַן, אָן פאַרב.

זאָגן זיי: זי קראַקעט, שעלט זיי,
זאָל עס פֿאַלן אויף איר קאָפּ!
ווײַל אין זייער האַרצן פֿעלט זיי
רחמים מענטשלעכן אַ טראָפּ.

אַפֿילו דיכטער, די וואָס הערן
ווי עס וויינט אין וועג אַ שטיין,
אין דער נאַכט אַ קליינער שטערן,
ווילן ניט די קראַ פֿאַרשטיין.

זיי ברענגען זי אין יאוש דולן
מיט פֿליגל טײַוולשע אַ פּאָר,
זי זאָל מיט פּעסימיזם פֿולן
זאָגן אונדז, אַז „נעווערמאָר״.

שלעכט איז איר אין הימל. ביטער
איבער פֿעלדער דער שפּאַציר.
קיין פֿעדערל טוט ניט קיין ציטער
מיט דער פֿרייד פֿון אַ קאָליר.

ווינטער בלויז איז איר צום האַרצן
דער הוילער פֿרירנדיקער בוים.
שטייט זי אויף זײַן צווײַג דעם שוואַרצן,
שרײַט אַרײַן אין קאַלטן רוים.

סוף זומער

ווִיפל טעג נאָך וועלן זײַן,
טעג מיט ריינער בלאָער שיין?
אַזוי ריין דער הימל, בלאָ,
אַז קיין הימל איז נישטאָ.

ווִיפל וועלן זײַן נאָך טעג,
טעג מיט גאָלדענעם פאַרמעג?
גאָלד פון זאַנג און גאָלד פון זאַמד,
מיט דעם טעם פון זון באַטעמט?

אויפן ראַנד דאָרט, ווו מאַנהעטן,
וואַרטן מויערן־שטאַכעטן.
באַלד — און ס'וועלן אויגן גרין
דיך אַרײַנוווינקען אַהין.

שנייִ

דער ווינט
געמאַכט אַ ריס האָט אינעם אײַנשיט
פון אַ נגאַלקן.

*

הויכע קאַלטע שפּיגלען. עס שפּיגלט זיך אין זיי,
אַן אויסגעוואַשענער אין מידלענעס פון שנײ,
דער טאָג.

*

אַ רעדל קראָען
האָבן אויפגעהאַנגען אויפן בוים
אַ טרויער־לענטע.

*

אַ בלאָז —
עס וויינט דער בוים
מיט טרערן שניי.

*

אַן געשרייִ
טרינקט זיך אין די גריבער פון דער נאַכט
אַ ווײַסע וועלט.

בײַמער

זיי שטייען אויף דער ערד און טרינקען
הימל;
זיי שווײַגן,
כאָטש עס מאַטערט פון אַ הייסער זון
דער גלעט.
אין שטורעמס
שטיפן זיי מיט ווינט און רעגן,
די קעפּ ווי גרינע
כמאַרעס.
מיך
האַלטן זיי אַרומגענומען
מיט שאָטנס,
מיט אוזאָרן
שײַן.

גראָזן

איבער גראָזן טרעטן פיס,
(פיס פון זשוקעס, פייגל, מענטשן.)
איבער גראָזן פאַלן שלאַקסן,
שלאָגן
מיט די לאַנגע בייזע
וואַסערבײַטשן.
ווינטן ווילן זיי
פאַרבלאָזן.
זיי שרײַען נישט.
נאָך אַלע אומגליקן
ווערט דער עולם זייערער געדיכטער,
שלאַנקער,
צעשפרייט זיך
גרינער.

איך וואַרט אויף דיר ביז זייגער אַכט

איך וואַרט אויף דיר ביז זייגער אַכט,
אויב דו וועסט נישט קומען
וועל איך מיט די ביימלעך דאָ
שטיין ארומגענומען.

די יונגע ביימלעך אינעם פּאַרק —
מײַנע פרײַנט זיי זענען;
זיי טוען אויף מיר שאָטנס אָן
מע זאָל מיך נישט דערקענען.

איך וועל, ווי זיי, נישט שרעקן זיך
ווען דער טאָג פאַרגייט שוין,
און די נאַכט, אין שוואַרצן קלייד,
אָנקומען איז גרייט שוין.

מיר וועלן אין דער פינצטערניש
שטיין אַרומגענומען. —
איך וואַרט אויף דיר ביז זייגער אַכט,
האָסט נאָך צײַט צו קומען.

ווּעסטוּ קומען

ווּעסטוּ קומען — ווּעל איך שמייכלען
צוּ דעם הימלס בלויע היכלען,
צוּ דעם אָנגעלויף פוּן שטאָקן,
צוּ די ביימערקעפּ מיט לאָקן.
זען מיך און דיך אינצווייען
ווּעלן זיך די היַיזער פרייען,
ווּעלן אַלע שויבן העלן,
יעדער הויז ווּעט אונדז געפעלן.
ווּעסטוּ קומען — ווּעסט פאַרבלײַבן —
ווּעל איך שיינע לידער שרײַבן.

אַלטע ביימער

אין אַ קרײַז פוּן הויכע הײַזער,
אײַנגעתּפּיסהט יאָרנלאַנג,
בענקען זיי, די אַלטע ביימער,
בענקען נאָך אַ זונפאַרגאַנג.

זון אין מיטן טאָג איז גבורה,
פלאַמען פײַער, פלאַמען פרייד.
אָבער זיי, זיי ווילן זען
ווי אַ מידע זי פאַרגייט.

אין אַ קרײַז פוּן הויכע הײַזער,
אײַנגעתּפּיסהט יאָרנלאַנג,
בענק איך, ווי די אַלטע ביימער,
בענק איך נאָך אַ זונפאַרגאַנג.

אַ טעלערל מיט האָניק

אין אָנדענק פון מײַן ברודער ברוך

ווען חודש יוני איז אין בלי,
אַ רויטע פּאָזימקע איז זי,
אַ טעלערל מיט האָניק שווימט —
אַזוי האָט ער די זון גערימט.
נאָר זי געכאַפּט האָט אים קאַיאָר
בײַ דעם טשוב פון זײַנע האָר,
געפירט אים איבער גראָז און שטיין,
און פאַר נאַכט געלאָזט אַליין
מיט שאָטנס שרעקיקע און גרויס —
בײַ זײַן הונגעריקן הויז.

שטילער פּאַרק

ווי דעם טײַכל ציט צום ים,
און דעם פלאַטערל צום פלאַם —
ציט מיך צו דעם גראָדעק ערד,
וואָס איז מיר אַליין באַשערט.
דאָרטן, אינעם שטילן פּאַרק,
צווישן דעם מצבהוואַרג,
אויך פאַר מיר וועט זײַן אַ שטיין.
הויכע רעגנס וועלן גיין,
שנייען איבער גאָר דעם פּליין,
שטיל וועט זײַן אַרום — און שיין.

אַ וועווערקע

זי האָט מיך אָנגעקוקט אָן שרעק,
געמאַכט אַ בייגל פונעם עק,
דאָס פּנימל מיט אַ געבעט:
אַ ניסל גיב מיר, ניט קיין געלט.
גוטס האָט זי פון מיר דערוואַרט.
נאָר איך — איך האָב זי אָפּגענאַרט.
איך האָב אַ וואָרף געטאָן צו איר
אַ קויטיק קנײַלעכל פּאַפּיר.
זי איז אַוועק. פון איר פאַרדראָס
דערציילט האָט זי אַ יונגן גראָז.

אין אַ טאָג ווי הײַנט

וואָלט איך אין זומערדיקן פּאַרק
שפּאַצירט
אויף טראָטואַרן זון,
געשמייכלט
צו דער פולער בלוזקע
פון מײַן ליידי —
אין אַ טאָג ווי הײַנט,
מיט צוואָנציק יאָר צוריק.

אַצינדערט —
וועל איך זיצן אויף אַ מידער באַנק,
(די פּלייצע אירע
טאַטוּירט

מיט פּאַרלער נעמען)
און אינעם קרײַז פון בליענדיקע קוסטעס
זײַן וועל איך
אַ קוסט,
אַן אָפּגעבליטער.

מײַן שירעם וויל אַ וואָלקן ווערן

מײַן שירעם וויל אַ וואָלקן ווערן.
ווען איך מאַך אים אויף —
שטרעקט ער אויס די דאַרע ריפּן
צו דער הייך אַרויף.

איבער ווענט און דעכער, ווייס ער,
איז אַ הימל דאָ —
זײַנער, אַ גיגאַנט אַ ברודער,
פון אַ שטאָף פון בלאָ.

ער וואָלט אין יענעמס הויכע טאָלן
גאַנצע טעג גערוט.
אין די נעבט — געשלונגען שטערן,
ווי אַ וואָלקן טוט.

טויטער זייגער

יאָרן הענגט ער אויף דער וואַנט
מיט טויטן ציפערבלאַט,
דער זייגער.
די ציפערן —
אַ קרײַז פון שוואַרצע שמאָלע גריבער.
און צוויי אַרײַנגעשטאָכן שטייען נאָך
די ווײַזערס —
רידלען,
וואָס באַגראָבן
האָבן
מײַנע שעה'ן.

בײַם שפּיגל

עס איז אים שווער דאָס רייניקן דעם שפּיגל.
מיט בלאַסע בליקן וואָרנט ער אים: ניטע!
דאָ רוען דײַנע יאָרן כּמעט פון סאַמע וויגל,
דאָ וואַרטן דײַנע יאָרן, נאָך ניט אויפגעבליטע.

מײַן אויסגעגלעטע הויט קען פלוצעם פּלאַצן.
ווי נאָר דו וועסט אַן איבעריקן צערטל געבן —
צעבראָכן וועלן ווערן טאָגס פּאַלאַצן,
צעפאַלן וועט אין גלאָזיק שטויב דײַן לעבן.

ער שטייט געבויגן, אין דער האַנט די שמאַטע,
מיט נאַרישן געזיכט, פון שפּיגל בלאַסער.
און קוקט מיט אויגן גרויסע, תמעוואַטע,
ווי אַ רינד אין אַ פאַרנאַכטיק וואַסער.

אין פּאַריז

1

פּרימאַרגן

אויף ברייטן בולוואַר פון דער גאַס סאַן־מישעל,
(ראָז דער פּרימאַרגן און זומערדיק־העל)

אין פּריען ווירוואַר פון לשונות אַ סך —
געקלונגען האָט לויטער די ייִדישע שפּראַך.

גערעדט האָבן דרײַ און גערעדט מיט אַ מאָל:
אַ ייִד פון פּאַריז, פון ניו־יאָרק און ישׂראל.

נאָר קיינער פון זיי נישט געוווּסט האָט פון וואָס.
ווײַל שיין איז געווען דער פּרימאַרגן און ראָז.

שיין דער בולוואַר פון דער גאַס סאַן־מישעל,
(אַ נאָר־וואָס דערוואַכטער פון דרימל געמעל)

און שיין האָט געקלונגען די ייִדישע שפּראַך
אין פּריען ווירוואַר פון לשונות אַ סך.

2

אַ ליכטיקע שטאָט

אַ ליכטיקע שטאָט און אַ ליכטיקער הימל,
אַ ליכטיק געזשום
פון מענטשן, מאָטאָרן, מאַשינען
אַרום.

אין שטייניק געלעגער דער סען וואַרפט
צעשמייכלטע בליקן
צו פנימער פרעמדע, וואָס פאַלן און פאַלן
פון בריקן.

אויך איך, וואָס געקומען פון ווייַטן
איך בין —
איך שמייכל צו מענטשן, מאָטאָר
און מאַשין.

3

זונפאַרגאַנג

די זון איז נישט געווען, נאָר איר פאַטאַס
געפלאַקערט אויפן הימל האָט מיט רויט און ראָז.
געלויכטן אַלץ נאָך יום־טובדיק און העל
אויף מידן נאָטערדאַם מיט אַ דערקוויקטן געל.
און טיף אין טייַך, אויף נאַכטיק וואַסערבעט,
געשייַנט האָט נאָך איר פרייד — מיט פיאָלעט.

4

בלוי

אַ קליינע אומבאַקאַנטע פרוי
געפאַרבט האָט מייַן געמיט אויף בלוי.

געמאַכט כ׳זאָל קושן אירע האָר
ווי ס׳קושט אַ מאַן פון צוואָנציק יאָר.

עס זאָלן אָוונטיקע שעה׳ן דרייַ
ווי בלויע פלאַטערלעך פאַרבייַ.

סעפטעמבער 1982

שטיל

איז שטיל אין מיר, איז שטיל.
אַ שטילקייט און אַ רו.
אַפּילו ווען עס קומט
אין שויב די שקיעה צו.

איז שטיל אין מיר, איז שטיל
אין אָוונטיקן שפּעט,
אַפּילו ווען אַ פּרוי
מײַן אָרעם טוט אַ גלעט.

איז שטיל אין מיר, איז שטיל.
קיין פרייד נישט, קיין געוויין.
אַ ליד איז נישט אַ ליד,
אַ ליד איז גאָר נישט שיין.

איז שטיל אין מיר, איז שטיל,
קיין אויפּרודער, באַגער,
אַ שטילקייט און אַ רו,
און גאָרנישט, גאָרנישט מער.

נאָכן לייענען לידער פון ישעיהו שפּיגל

געוועזן איז שטילער יאָמער,
גיהנומדיקער בראַנד;
געבליבן איז דער גליווער
פון אַ טויטער האַנט.

פון שמעטערלינג אין זײַדנס
דער פלאַטער איז אַ גרוס
פונעם בלינדן מיידל
אין דער שטאָט טולוז.

קראַנקע אין שפּיטאַלן
אויסגעבענקט און גרייט;
ווײַט אין דער צלמוות
אַ שמייכל ליכטיקייט.

אײַל נישט שטערן־וואָגן,
דער דיכטער איז נישט מיד;
לאָז אים שרײַבן, שרײַבן,
מיר דאַרפן נאָך זײַן ליד.

מיר וועלן — ביז דײַן קומען
נאָך אונדז, אָ, שטערן־וואָגן! —
מיט אַ דערפרייטן טרויער
זײַנע לידער זאָגן.

1987 אַפּריל־יוני

נישט אויסטײַטשן דעם זונפֿאַרגאַנג

איך וויל נישט זײַן קיין פֿילאָסאָף,
איך וויל נישט זײַן קיין ריכטער,
זײַן וויל איך — און גאָרנישט מער —
אַ דיכטער.

נישט אויסטײַטשן דעם זונפֿאַרגאַנג,
נישט משפּטן דעם טונקל,
בלויז זען ווי עס מאַכט זיך צו
אין שאָטן דער ראַנונקל.

מיך קימערט נישט וואָס נאַכט איז שוואַרץ,
און ווײַס דער מאָרגנשטערן.
איך נעם זיי ביידן אין מײַן בעט,
דעם אָטעם ביידנס הערן.

איך ווייס, אַז מענטשן לײַדן שטיל,
אַז שטיל אויך לײַדן לעמער,
ווען מיט אַ ליידיק טרוקן מויל
שווײַגט צו זיי דער עמער.

די ווײַטסטע שטערן זענען שיין,
און שיין פֿון שטאָט די ליכטער.
איך וויל נישט זײַן קיין פֿילאָסאָף,
זײַן וויל איך — אַ דיכטער.

מאַראַנצן צווייַ פון אַ קיבוץ

פאַר י. צ. שאַרגעל

מאַראַנצן צווייַ פון אַ קיבוץ,
פון דער לאַנגער רײַזע מיד
ליגן גאָלדיק אין מײַן האַנט,
מיט פריידן פון אַמאָל צעגליט.

מיט קנייטשן אויף דער צאַרטער הויט,
(פון זײַן זכרונותדיק פּאַרטיפּט)
ווי ס'האָט מיט וואָכן וואָכן צריק
די זון, אַ שוועסטערל, געשטיפּט.

ווי פרײַע פינגער האָבן גרינג
גערוט אַ רגע אָדער צוויי,
דערנאָך מיט שטראַלן און מיט שטרוי
פּאַרטוליעט אין די קעסטלעך זיי.

מאַראַנצן צווייַ פון אַ קיבוץ —
זיי קומען נישט פון בייזן דאָרט,
ווי האַנט געקאָוועט איז צום טאַנק,
און צום סאָלדאַטסקן בייזן וואָרט.

זיי שמייכלען פרידלעכע צו מיר,
מיט שמייכלען היימישדיק און פרײַ.
אָ, זוניקע, פון אײַער פרייד
וועט וואַרעם מיר דאָס האַרץ אויף ס'נײַ.

עסייען

דער יונגער דיכטער פונעם שטעטל קוטנע
(צום דרייסיקסטן יאָרצײַט פון שלום אַש)

וואָס געדענקט זיך צענדליקער יאָרן נאָכן לייענען אַ בוך? אַן עפּיזאָד, אַ נאָמען, אַ שטימונג, אַ פּייזאַזש, אַ כאַראַקטער. מיר גייען נאָך שילדערונגען פון פאַרנאַכטן אין די ווערק פון שלום אַש. ער האָט זיי גאָר־גאָר אַ סך, כּמעט אין אַלע ביכער. טייל שקיעות זענען קאַלטע, מיט אַ בלייכער שטאַרבנדיקער זון; אַנדערע — הייסע, פֿײַערדיקע, ווו „דער הימל און די ערד גיסן זיך צונויף אין איין פלאַמיקן קוש". איך פלעג אָפט קוקן אויפן זונפאַרגאַנג אין מײַן אייגן שטעטל און טראַכטן פון דער באַשרײַבונג אינעם בוך. מיר איז אויך געבליבן אין זיכּרון זײַן בילד פון אַן אויפגעבליטן גרינעם טאָל אין עמק. אַ רחבות'דיק־שײַנענדיק בילד, דאָס איז אין זײַן שפּעטערן בוך „דער געזאַנג פון טאָל". די פּייזאַזשן פון זומערדיקע פאַרנאַכטן זענען אין זײַן דערציילונג „אַ שטעטל".

„אַ שטעטל" איז אַרויס פון דרוק אין יאָר 1903 (עס ווערט אויך אָנגעגעבן דאָס יאָר 1904). דער מחבר איז בלויז אַלט געווען 23 יאָר. געשריבן האָט ער דאָס בוך מיט צוויי יאָר צוריק — אין עלטער פון אַרום 21 יאָר. גאָר אַ יונגער בחור, פון אַ טיפּיש ייִדיש שטעטל אין פּוילן — קוטנע. אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

מיט קנאַפּע 25 יאָר שפּעטער, אין דער הקדמה צו דער אויסגאַבע פון זײַנע „געזאַמלטע ווערק", וועט ער צוזאַמען מיט „די נידעריקע דעכער, קרומע הײַזלעך, חנעוודיקער קאָפּ האָר פון ייִדישן מיידל", דערמאָנען מיט פּאַטאָס אויך „דעם באַגילדעטן זונען־אונטערגאַנג פון פאַרנאַכט־הימלען". די פּאָעזיע פונעם קליינעם שטעטל איז געבליבן מיט אים אין די גרעסטע וועלט־שטעט, ווו ער האָט געלעבט.

מיט דער לאַנדשאַפט פונעם קליינעם שטעטל הייבט ער טאַקע אָן זײַן גרעסערע דערציילונג: „...ווײַט, אויףביידע זײַטן וועג צווישן די ליפּן־

ביימער גייט אַן איינזאַמער וואַנדערער... שוואַרצע קראָען פּליִען דאָרט וויַיט איבערן וועג פון צו בוים און שאַרן אָפּ מיט זייערע גרויע פּיסלעך די וויַיסע לאַנגע שניי־שנירלעך, וואָס זענען אויף די צוויַיגן פון די ביימער". אין דער לאַנדשאַפט איז אויך פאַראַן דאָס געמיט פונעם דיכטער — שוואַרץ, ווייס, גרוי, ווי די גאַרע נאַטור.

וויַיל טאַקע באַלד אין ערשטן קאַפּיטל פון דער דערציילונג האָט די שוואַרצע נאַכט „דאָס שטעטל אונטער איר שוץ אַרונטערגענומען און די גאַנצע וועלט אַרום און האָט זי אין זיך באַהאַלטן". מיט שעהען שפּעטער — „די נאַכט האָט אָנגעהויבן דורכן פענצטער אַריַינצוקוקן דורך גרויער בריל". דאָס אַלץ ווען „דער ווינטער איז נאָך אויף דער ערד און דער געפרוירענער שניי... צעגייט".

דער צוואַנציק־ אָדער איינאונצוואַנציק־יאָריקער בחור האָט געהאַט דעם שריַיבעריש־פּאָעטישן כּוח אַריַינצוברענגען אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור דעם עלעמענט פון וואַסער מיט זיַין רוגזה און גבורה, מיט זיַין צעשטערערישקייט, גוטסקייט און שיינקייט.

איך האָב דאָ אין זינען דאָס קאַפּיטל „אַ הייַזל ביַי דער וויַיסל", ווו שלום אַש באַשריַיבט דעם טיַיך אין זיַין פאַרפרוירענעם און אין זיַין מעכטיקן צעגיסן זיך אָנהייב פרילינג. אויך די ייִדן ביַים טיַיך, וואָס זענען געוואָרן מיט אים „משפּחה" — יעדן יאָר נעמט ער צו אַ קרבן. וואָס יחיאל זעט זיצנדיק ביַים טיַיך, וועלכער באַפריַיט זיך פונעם איַיז און ווי די אַנדערע ייִדן קומען ראַטעווען דאָס האָלץ פונעם צעבושעוועטן עלעמענט, דערמאָנט אין דער קלאַסישער דערציילונג פון העמינגווע „דער אַלטער און דער ים". נישט געהערט און נישט געזען האָט מען ביז איצט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַזאַ טיַיך, אַזאַ פאַרפלייצונג, אַזעלכע ייִדן. „ר' יחזקאל לויפט פאָרויס. ער קוקט נישט אויפן איַיז. דאָס וואַסער איז הינטער זיַינע פיס" (עס איז פאַראַן אַ טיַיך ביַי אונדזער ייִדן, איז עס נישט קיין טיַיך, נאָר אַ בלאָטע). ערשט נאָך אַשן וועט קומען יוסף אָפּאַטאָשו מיט זיַינע טראַטווע־טריַיבערס אויך אויף דער וויַיסל, קולבאַק מיטן פעטער עליע אויפן ניעמאַן. די פּאָעטישע באַשריַיבונגען אין דעם קאַפּיטל דאַרף מען לייענען, און לייענען נאָך אַ מאָל:

„מיט אַ שטראָם האָט זיך געלאָזט און געוואָרפן איין שטיק אײַז אויפן צווייטן, און איין באַלוואַן איז מיטן קאָפּ אַרײַן אין צווייטן און יענעם צעשמעטערט אויף שטיקלעך. פּלוצעם האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטיק אײַז אין דער הייך און האָט אָפּגעהאַלטן זײַנע חברים. און די שטיקער אײַז זענען אַרויף איינס אויפן צווייטן, איינס אויפן צווייטן. אַ באַרג אײַז איז אין מיטן וואַסער שטיין געבליבן... באַלד האָבן די כוואַליעס וואַסער גענומען זיך אויף אַמאָל, אַרײַן אין באַרג און אים צעשמעטערט, חרוב געמאַכט"...

דאָס זענען גרויס־בילדער וואָס דער יונגער דיכטער האָט אונדז געגעבן; גרויס אין שטח און גרויס אין זייער קינסטלערישער קראַפט. פאַראַן מאָמענטן אין דעם בוך ווו דער מחבר איז פאַרהאַוועט אין זײַן דערציילעֿרישקייט און האָט נישט קיין פּלאַץ אָדער צײַט פאַר פּאַעטישע זעונגען זיי איבערצוגעבן. דעמאָלט באַנוגנט ער זיך מיט דיכטערישע דיגרעסיעס. ווען ער איז למשל פאַרנומען מיט די אָנגעקומענע ייִדן אין לאַנגע ברייטע שאָפּן־פעלצן „שמוגלט" ער אַרײַן אַ דיכטעריש בילד: „צווישן די טונקעלע פאַלדן, וואָס פאַרוואָרפן זיך אין די פעלצן, האַלט זיך נאָך אויף דער טונקעלער סוד פון דער נאַכט".

דאָך האָט דער פּאָעט נישט אַלע מאָל נאָכגעגעבן דעם דערציילער. איידער ער גיט איבער די מעשה פון מתנגדישן רב און חסידישן רבין פאַרגינט ער זיך צו זינגען אַ הימן צו „גאָטס לײַטזעליקייט" פאַר זײַן באַקליידן די ערד מיט בלומען,ביימער און גראָזן. דאָס איז אַ לירישע געזאַנג וועגן די טעג פון פרילינג אויף גאַנצע צוויי זײַטן פונעם בוך. ער באַזינגט די „מוטער־ערד", די הימלען, די וואַסערן. עס איז האַרציק און שיין. כאָטש הײַנט — אַלטמאָדיש.

פאַראַן שטעלן אין נוסח פון מענדעלע מוכר ספרים. „די פייגעלעך אויפן פענצטער פון אַלטן בית־מדרש האָבן אונטערגעשפּרונגען, אַ קדושה געכאַפּט, אַ שמיה רבא, אַ וואָרט תורה אונטערגעכאַפּט... אויף דער ערד זיך געשטעלט מיט אַ קוויטש — אַ ברכה, און געכאַפּט אַ קרישעלע בייגל"...

אַ לירישע השתפכות הנפש מיט דער פרייד פון „מה טובו אוהליך"

איז אויך דאָס קאַפּיטל „די זומערדיקע פֿאַרנאַכטן". ער ווענדט זיך צו זיי און רופֿט זיי „די ליבע" און רעדט צו זיי מיט ליבע. אַפֿילו די שפּראַך זײַנע איז דאָ אַ וואַרעם־זומערדיקע, אַ ליכטיקע, אַ געשליפֿענע און האַרציקע. ערטערווײַז דערמאָנט עס צאינה־וראינה־לשון, עפּעס נישט אין חברהשאַפֿט מיט אַ צוואַנציק־יעריקן יונגערמאַן. עס איז פֿאַרט בילדעריש און פּאָעטיש: „פֿון באַהאַלטענע ווינקלען קומען זיך צוציִען איבערן הימל שטיקער ליכטיקע שטיקער טונקעלע וואָלקן... ווערן באַהאַלטן אונטער בלאָע פּאַכעדיקע פֿאַרהאַנגען. ליכט פֿאַרוויקלט און ליכט הענגט ברייט און ווײַט איבערן וואַסער"... אַפֿילו אַ הײַנטיקער מאָדערנער פּאָעט וואָלט זיך געגרויסט מיט אַזוינע שורות; און אַזעלכע זענען פֿאַראַן נאָך און נאָך. לייענט זיי און איר וועט פֿאַרגעסן אַז זיי זענען געשריבן געוואָרן מיט עטלעכע און אַכציק יאָר צוריק!

ווו איז די שקיעה וואָס איך געדענק? זי איז דאָ:

„עס איז פֿאַרנאַכט. דער הימל איז צעהאַקט אויף טויזנטער שטיקלעך. ווײַטע פֿליסטערנדיקע וואָלקנדלעך מיט בלויע, העלע אונדזלען שווימען אַרום אין העלן גלײַענדיקן ים. און דער ים גייט אונטער און אַ רויט גע־שטאַלט פֿליסט אָפּ אין מערב־זײַט".

איך האָב דאָס ביכל איצט פֿאַרענדיקט. עס איז דאָס יאָר 1987, מער פֿון אַכציק יאָר זינט עס איז אַרויס פֿון דרוק. אַן אַנדער וועלט, וואָס פֿון איר האָט דער יונגער שלום אַש נישט געחלומט, כאָטש אים האָט כסדר געצויגן אין „דער ווײַטער וועלט" פֿול מיט סודות. עס איז אַן אורבאַניס־טישע וועלט פֿון שטיין, שטאָל, מאַשינען און געשריי. דאָס אויסדריקן אינטימע געפֿילן איז בײַ אונדז סענטימענטאַליזם. עס איז אַ וועלט פֿון מאָרד, הריגה, רעוואָלוציעס. און משפּחה־היימישקייט, נאָענטע שכנות־שאַפֿט, האַרציקייט געהערן אויך צו די פֿאַרגאַנגענע דורות. מיר האָבן פֿאַרלוירן דעם חוש פֿאַר שטילקייט, רו, אינטימקייט, אפֿשר אויך פֿאַר דער שיינקייט פֿון דער נאַטור. איז מיר אַ שאָד וואָס מײַנע אייניקלעך וועלן נישט וויסן פֿון דער שלווה, פֿונעם שטעטל איבערגעגעבן פֿונעם יונגן שלום. „די הײַזלעך פֿאַרטרונקען אין ימים גרין־באַוואַקסענעביימער פֿון די סעדער וואָס האָבן אין זיך דאָס שטעטל אַרײַנגענומען און גע־

מאַכט עס פאַר אַ גרויסן בלומען־טאָפּ". זיי וועלן נישט וויסן פון דער „שטוב" וואָס איז „אָפּן פאַר אַלעמען און אין קיך שטייט פרײַ, ווי וואַסער, פּוטער און רעטעכער". וועלן נישט לייענען די געראָטענע באַשרײַבונגען פון אַ שריפה, פון אַ חסידישן צונויפקום אין וואַלד, פון אַ שבתדיקן טאָג ווען די זון גייט איבערן הימל מיט „שבתדיקע טריט".

אין שטעטל אַרײַן האָט אונדז געבראַכט דער וואַנדלער. צוזאַמען מיט אים פאַרלאָזן מיר דאָס שטעטל. מיר גייען פאַרבײַ ווײַס־באַשנייטע טאָ־פּאָלן. צוזאַמען מיט אים ווערן מיר פאַרבלאָנדזשעט אין אַ ווײַסער אומ־ענדלעכקייט.

דאָרטן, אין דיכטערס שטעטל, איז פינצטער. באַלד וועט די נאַכט אָנהייבן דורך די פענצטער אַרײַנצוקוקן דורך גרויע ברילן. ווי דעם יונגן דיכטער בענקט זיך אויך אונדז נאָכן שטעטל.

דער יונגער דיכטער פון קוטנע איז מיט דער צײַט אַ נאָוועליסט, דראַמאַטורג, ראָמאַניסט. זײַן טעריטאָריע — פּוילן, אַמעריקע, ארץ־ישראל. זײַן שעפערישקייט — 40 יאָר. זײַנע ביכער איבערגעזעצט אין פרעמדע שפּראַכן.

אין זײַן בוך „פאַרגייער און מיטצײַטלער" דערציילט נחמן מייזיל, אַז אין אַ שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיט שלום אַשן אין וואַרשע, אין יאָר 1927, האָט אים אַש געזאָגט:

„ווען איך וואָלט מיך צוגעהערט אינגאַנצן צו פּרצן, וואָלט איך ניט געשאַפן נישט נאָר 'גאָט פון נקמה' נאָר אַפילו 'דאָס שטעטל' און וואָלט געבליבן בײַ מײַנע נאַיִווע קינדערישע שטימונגען מיט וועלכע איך בין געקומען פון קוטנע..."

זענען מיר מיטן שוין באַרימטן, און עלטערן שוין, שלום אַש נישט מסכּים. די שטימונגען אין „שטעטל" זענען נישט קיין נאַיִווע און נישט קיין קינדערישע. ראָמאַנטישע, יוגנטלעכע — יאָ. דאָס איז זייער מעלה, זייער שיינקייט.

דער פּאָעט שלום אַש איז אויך פאַראַן אין זײַנע שפּעטערדיקע גרויסע פּראָזאַישע ווערק. אמת, אַן אַנדערער, נישט דער יונגער צוואַנציק־יאָריקער פון שטעטל קוטנע.

משה לייב האַלפּערנס יונגע לייענערס

ווען מע דערציילט היַינט וועגן דער התלהבות מיט וועלכער יוגנטלעכע אין פּוילן פלעגן לייענען די לידער פון לייב ניידוס, אברהם רייזען, מ. ל. האַלפּערן, מאני לייב, קלינגט עס שטאַרק איבערגעטריבן. נאָך מער איבער־געטריבן וועט עס קלינגען ווען איך וועל דאָס זעלבע זאָגן וועגן די וואָס זענען געשטאַנען בלויז ביַי דער שוועל פון זייער יוגנט,וועגן 10 און 12 יעריקע. אויך קינדער אין די שולן האָבן געלייענט און דעקלאַמירט די טרויעריקע לידער און זייערע אייגעלעך האָבן געלויכטן ווען דער לערער האָט פאַרגעלייענט לידער האַפּערדיקע, זעלטענע צוליב זייער האַפּערדי־קייט. ווי ניידוסעס „נעמילע" אָדער „אַ חתונה".

„אַ חתונה, אַ חתונה
איז היַינט ביַי אונדזער הויז.
די כּלה, די געלאַסענע,
דאָס איז די שיינע רויז".

מיר האָבן געוווסט אַז ביַי ייִדישע היַיזער שטייען מענדעלעס קאַ־לוזשעס, אַמאָל טרעפט אַ פאַרבלאָנדזשעטער בוים רייזענס. כּדי צו זען רויזן דאַרף מען אַרויסגיין פון שטעטל מיט דער גויִשער גאַס — אַזוי האָבן אונדז געזאָגט די ביכלעך כאָטש געגנוג טעפּ מיט בלומען זענען שוין געשטאַנען אין די ייִדישע פענצטער. זענען די טרויעריקע לידער געווען אין הסכּם מיט אונדזער געמיט, די פריילעכע — מיט אַ באַהאַל־טענער גאַרונג נאָך בלומען, נאָך אַ ביסל פרייד.

צוויי ייִנגלעך אין שול, געדענק איך, זענען אַ שטיקל ציַיט פאַר־כאַפּט געוואָרן פון מ. ל. האַלפּערנס לידער. איך און מיַין חבר נחום.

נחום איז מיט אַ יאָר צוויי געווען עלטער פון מיר, געווען אין אַ

העכערן קלאַס און זיך אויפגעפירט ווי אַ דערוואַקסענער: שטיל גערעדט, פּאַמעלעך געגאַנגען און צווישן חברים געווען ערנסט, לערעריש.

מ. ל. האַלפּערנס בוך „אין ניו־יאָרק" האָט ער געלייענט ווען זײַן עלטערער ברודער האָט עס באַקומען אין דער „ביבליאָטעק פאַר די גרויסע". ער האָט געלייענט יעדער שורה און איבערגעשריבן צוויי לידער „דער גאַסנפּויקער" און "Pan Jabłonski". פוןביידע האָט ער לאַנגע פראַגמענטן געקענט אויף אויסנווייניק.

נחום איז געווען אַ גוטהאַרציקער, נישט געקענט פאַרטראָגן קיין עוולות, און, ווי מיר אַלע, געטראַכט וועגן אַ שענערער און בעסערער וועלט. ער האָט זיך איבערגענומען מיטן בילדנעם לעבן פון יאַבלאָנסקין אין דער ווײַטער אַמעריקע. ער האָט דעקלאַמירט די סטראָפן וואָס שיל־דערן דעם עלנט פונעם מענטשן. זײַנע גוטע אויגן זענען פול געווען מיט רחמנות, זײַן קול פול מיט טרויער.

גאָר צוליב עפּעס אַנדערש איז אים געפעלן „דער גאַסנפּויקער". אַליין אַ שטילער, אַ געצוימטער, פאַרטראַכטער, איז אים געווען צום האַרצן דאָס סצעניש: דער טומל, די ראַשיקע באַוועגונגען, דאָס גע־מאַכטע שיכּור זיין. ער איז אַרומגעלאָפן מיט זײַנע לאַנגע פיס איבערן צימער, אָדער איבערן בריקל בײַ דער שול, מיט אַ פאַרסאַפּעטן אָטעם, געוואָרפן מיט די הענט און געשריגן מיט אַ באַסאָווען קול: דזשין! דזשין! בום! בום! אַ הויכינקער, האָט ער מיטן פאַרהויבענעם קאָפּ און אָפענעם מויל אויסגעזען נאָך העכער ווי ער איז. פאַר אונדז איז ער געווען אַן אמתער גאַסנפּויקער, כאָטש מיר האָבן אַזאַ פאַרשוין פאַר די אויגן נישט געזען.

דערנאָך איז ער לאַנג געזעסן אַ שטילער און קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. עס האָט אים אויסגעמאַטערט. צו די קאָמפּלימענטן האָט ער זיך נישט צוגעהערט. זיי זענען אים נישט אָנגעגאַנגען. וואָס פאַר־שטייען זיי, די קינדער?

מיר זענען ווילגעפעלן אַנדערע צוויי לידער. נאָך הײַנט ווען איך עפן דאָס בוך, לייען איך זיי ווידער. דאָס זענען די לידער „צווישן קוימענרויכן" און „די זון וועט אַרונטערגיין". פאַר וואָס איך בין פאַר־

כאַפּט פֿונעם צווייטן איז מיר שטענדיק קלאָר געווען: די פֿאַרנאַכטיקע שטימונג, דער שטיין אין שקיעה, די ליבע וואָס דאַרף קומען (נישט געוווּסט האָב איך וואָס דאָס איז, אָבער געאַנט אַז דאָס איז עפּעס שיינס). דער ריטעם פֿון איי־ליו־ליו, די באַקאַנטע פּאַווע. אַלץ איז נאָענט געווען דעם ייִנגל פֿונעם קליינעם שטעטל, ווו די שקיעה האָט געמאַכט שטיקלעך גאָלד פֿון די שטיינער אינעם שאָסיי, ווו איבערן בלעכענעם דאַך פֿון שטוב האָבן געפֿלאַטערט פֿייגל פֿון אומבאַקאַנטע הימלען. פֿאַרט האָט ער געוואָלט אַרויס פֿונעם שטעטל, געוואָלט אַוועק אין דער גרויסער וועלט, אַהין „ווו די בענקשאַפֿט וועט צי̇ען".

איך פּרוּוו איצט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס דאָס ליד „צווישן קוימענ־רויכן" איז ביז איצט שטעקן געבליבן אין מײַן זכרון מיט דער ערשטער און לעצטער סטראָפֿע:

כאַפּט זיך אויף דער שלאָף דער דאַרפֿסיונג,
הערט ער פֿייגל זינגען.
הער איך מילך־קענדלעך און רעדער
אין דעם זייגער קלינגען!

אָדער איך וועל זיצן אויבן
אויף אַ דאַך, אַ הויכן,
קוקן אויף אַ העמד, וואָס וויגט זיך
צווישן קוימענרויכן?

די שטאָט ניו־יאָרק האָב איך זיך פֿאַרגעשטעלט מיט וואָלקן־קראַ־צערס, מיט לעיעלעסעס „מעטאַל, גראַניט, גערויש, געבראַזג, געפּילדער". מיט מײַן ברודער ברוכס פֿאַנטאַזיע פֿון „משוגענע אָפּצאָסן". איך האָב נישט געטראַכט אַז דאַרטן „קלינגען רעדער" פּרימאָרגנס. ווען אין מײַן שטעטל, כמו־דאַרף „זינגען פֿייגל", זעט עס גאָר אויס טרויעריק אינעם גרויסן ניו־יאָרק. אָבער טרויער האָט מיך קיין מאָל נישט געשראָקן. פֿאַרקערט — דאָס האָט מיר די פֿרעמדע שטאָט היימיש געמאַכט, נאָך מער איז מיר געפֿעלן דאָס בילד פֿון אַ העמד, וואָס וויגט זיך צווישן

קוימענרויכן. אין שטעטל האָט מען דאָס גרעט געטריקנט אויפן בוידעם אָדער אויף אַ שטריק אין דרויסן. דאָס העמד איבערן קוימען האָט מיר אויסגעזען ווי אַ ווײַס וואָלקנדל. מ. ל. האַלפּערן איז געוואָרן פון מײַנע באַליבטע פּאָעטן.

געלייענט האָב איך אַלע זײַנע לידער. פאַרשטייט זיך — נישט פאַרשטאַנען זיי. דאָ און דאָרט געכאַפּט אַ בילד, געפילט די שטימונג, געוויגט דעם קאָפּ צום ריטעם.

נישט נאָר מיר צווי האָבן געלייענט האַלפּערנס לידער. נאָך אַנדערע פון אונדזער עלטער האָבן דאָס געטאָן. געווען אַ מנהג אין שול, אַז די תּלמידים פלעגן סוף לערניאָר קויפן קליינע אַלבאָמלעך און אין זיי אַרײַנשרײַבן עפּעס לזכּרון. האָט איינע אַ מיידל געוויזן מיר בסוד וואָס „איר ייִנגל" האָט אַרײַנגעשריבן:

„ביי דיר אין דײַנע אויגן ווינט די מאָרגן־זון"
(מ. ל. האַלפּערן „אַלבום פּראַזן")

דער דיכטער משה־לייב האָט מסתּם נישט געוווּסט וועגן דעם, אַז אין די קליינע פּוילישע, און נישט נאָר פּוילישע, שטעטלעך האָט ער גאָר יונגע לייענערס — קינדער אין עלטער פון 10 — 12 יאָר. ער וואָלט געוויס געווען צופרידן, אפשר געשריבן ווייניקער „אַנטי־פּאָעטישע" לי־דער, ווי עס האָט זיי באַצייכנט א. טאַבאַטשניק, און מער אינעם נוסח פון „פּאַן יאַבלאָנסקי" און „די זון וועט אַרונטערגיין".

ער איז געווען אַ מזלדיקער, יענער דור ייִדישע פּאָעטן אין אַמעריקע. הײַנט זענען נישטאָ קיין יונגע לייענער און די עלטערע גייען אַוועק אין דער אייביקייט. עס באַגלייטן זיי אינטעליגענטע און געבילדעטע אייניקלעך. פון משה־לייב האַלפּערן האָבן זיי נישט געהערט.

ווּ איז דאָס שטילע לירישע ליד?

שוין עטלעכע צענדליק יאָר, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז פאַר־שטומט געוואָרן אויפן געביט פון דראַמאַטורגיע. זינט לייוויקס „אַ חתונה אין פערנוואַלד", דערשינען אין די פערציקער יאָרן און אַ דראַמע פון מ. דלוזשנאָווסקי פון די פופציקער, איז קיין דראַמאַטיש ווערק פאַר דער בינע אין ייִדיש נישט געשאַפן געוואָרן. נישט רייַך איז איצט אויך די ליטעראַטור־קריטיק. מיר האָבן געציילטע קריטיקער. שעפעריש איז פאַר־בליבן די פּראָזע, די עסייִסטיק און די פּאָעזיע. די פּראָזע איז באַלויכטן מיטן ליכט פון דער נאָבעל־פּרעמיע, די עסייִסטיק קאָנצענטרירט זיך אַרום ליטעראַרישע שאַפונגען. דאָס גרעסטע אָרט פאַרנעמט די פּאָעזיע. צייַטונגען און זשורנאַלן זענען פול מיט לידער, גוטע און שלעכטע, בעסערע און ערגערע.

עס איז שווער צו וויסן וואָסער אָפּרוף עס האָבן די לידער בייַם לייענער. און צי האָבן מיר בכלל לייענער פון לידער. אַפילו דער אָנ־געגעבענער טיראַזש פון די ליטעראַרישע אויסגאַבן זאָגט אונדז גאָר־נישט, ווייַל מיר ווייסן נישט צי זיי ווערן פון די אַבאָנענטן געלייענט. אויך צו פּאָעזיע־אָוונטן קומט אַ קליינער עולם. די סיבה פון דעם איז, פאַרשטייט זיך, נישט די קוואַליטעט פון די לידער, נאָר דער קנאַפּער אינטערעס אין זיי. דאָך וויל איך זיך אייַנרעדן, אַז לייענער זענען יאָ פאַראַן און אַז זיי פונקט ווי איך, פילן, אַז אין פּאָעטישן גרויסן עשירות פעלט עפּעס — עס פעלט דאָס שטילע לירישע ליד.

אויפריכטיק־אמתדיק איז געווען דאָס געשריי פון ווייטיק נאָך די אומגעבראַכטע. געשריגן מיט פשוטע און פּרימיטיווע ווערטער, ווייַל אַזאַ בראשיתדיקער ווייטיק דאַרף נישט קיין קינסטלערישן תיקון. אַזוי איז אויך געווען די פרייד פון אָנהייבן אַ נייַ לעבן אין באַדינגונגען פון אייגענער מלוכהשאַפט. נאָך צענדליקער יאָרן איז דאָס געשריי פאַרשטילט

געוואָרן און די פרייד איז אַלט געוואָרן. אַנדערע מאָטיוון האָבן זיך באַוויזן אין דער פּאָעזיע: מאָטיוון פון „מודה אני", פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזן, צוריקקער צו נאַטור, גרויסער שטאָט, צו רעליגיע און מעטאַפיזיק. אַ סך פון זיי קלוגע לידער, גוטע לידער, דיסציפּלינירט אין פאָרם, שפּראַך, זינגעוודיקע, פּאַכמעניש, דאָ און דאָרט אַ ליריש ווינטל, אָבער דאָס שטילע אינטימע לירישע ליד — גאָר זעלטן.

אַנומלטן איז מיר געקומען אין האַנט אַן ענגליש ליד פון אַ דיכטערין וועמעס נאָמען איך האָב ביז איצט נישט באַגעגנט. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט וועגן איר ביי בעסערע קענערס פון דער ענגלישער אָדער אַמעריקאַנער ליטעראַטור — אויך זיי האָבן פון איר נישט געהערט. דאָס קליינע ליד, אין גאַנצן אַכט שורות, האָב איך געלייענט ווידער און ווידער און נאָך אַ מאָל. עס איז אַלטמאָדיש, אויף אַן אַלטער טעמע. אין די באַקאַנטע רעקלאַמירטע גרויסע אַנטאָלאָגיעס איז עס נישטאָ. זעט אויס — די אָפיציעלע קריטיק האָט זי געהאַלטן פאַר אַ „דריט" אָדער „פערטראַנגיקע" פּאָעטעסע. לויט די „ראַנגען" וואָס ווערן צוגעטיילט פון די ליטעראַטורנע פּראָפעסאָרן אָדער פון ליטעראַרישן „עסטאַבלישמענט". דאָס האָט מיך דערמאָנט מיינע אַן אייגענע איבערלעבעניש.

עס איז געווען אין 1950, באַלד נאָך מיין קומען קיין אַמעריקע. איך בין געזעסן אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק אויף טרימאָנט עוועניו אין די בראָנקס. די ביבליאָטעק האָט געהאַט אַ סך יידישע ביכער. אויך יידישע צייטונגען און זשורנאַלן זענען געלעגן אויף די טישן. איך האָב דאָרט צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע געלייענט דעם „קעמפער", עס איז געווען אַן אַרטיקל וועגן דער פּאָזיציע פון פּאָעטן. דער שרייבער האָט זיי איינגעטיילט אין ראַנגען: ערשטראַנגיקע, צווייטראַנגיקע, דריטראַנגיקע און, דוכט זיך, אויך פערטראַנגיקע און פינפטראַנגיקע. עס איז מיר געווען נישט צום האַרצן. ווי קומט רעגימענטאַציע צו מענטשן פון גייסט? און ער, דער קריטיקער, איז וואָס? אַ גענעראַל? איך האָב פון דעמאָלט אָן געלייענט זיינע אַרטיקלען מיט אומצוטרוי. כאָטש ער האָט זיך עטאַבלירט ווי אַן אָנגעזעענער קריטיקער.

איך וועל דאָס קליינע ליד פון דער אומבאַקאַנטער פּאָעטעסע ברענגען אין מײַן אייגענער, קאָן זײַן נישט־גאַר־געלונגענער איבערזעצונג. דאָס ליד הייסט trifle (אַ קליינע זאַך) און די מחברין הייסט דזשאָרדזשאַ דאָגלעס דזשאָנסאָן:

אין אַ טאָג פון טרויער
אַ קליינע זאַך זוך אויס:
אַ בלום, אַ קוש, אַ שמייכל,
אויף צו געדענקען בלויז.

ווען ס'קומט אַ טאָג מער פינצטער,
קיין פלעק פון בלאָ אין רוים —
די קליינע זאַך דערמאָן זיך,
און ווידער טרוים דײַן טרוים.

אַמאָל, אַמאָל, האָט מען אַזוי געשריבן. עס דערמאָנט אונדזער רייזע־נען, פּרוגן. עס איז אַ ליד פון פאַרצײַטן. מיר זענען איצט מאָדערן, גרויס־שטאָטיש, ראַפינירט, סאָפיסציטירט, מיט שאַרפערע חושים, מיט אַפּעטיטן צו הויכער קונסט. מיר לייענען קאַפקאַן, וואָזנעסענסקין, איליאַרדן. דאָך — און אפשר טאָקע דערפאַר —

בײַם פאַרנאַכטיקן פענצטער אויפן הויכן שטאָק זיצן מיר אין לעצטער שײַן פונעם פאַרגייענדיקן טאָג און בענקען נאָך עפּעס וואָס איז געווען — אַ בלום אין וואַרעמע פינגער, אַ שמייכל פון אַ היימיש פּנים, אַ שטילע שורה פון אַ ליד, אַ ליריש ליד.

טאָקע דערפאַר וואָס —

אין די אויערן טומלט נאָך דער טומל פון דער פאַרהאַוועטער שטאָט; פאַר די אויגן שווינדלען נאָך די שווינדלדיקע פנימער פון אײַלנדיקע; דער קערפּער טרייסלט זיך נאָך מיטן טרייסלעניש פון קאַר אָדער סאָבווי.

פאַרנדיק אַמאָל מיט אַ באַקאַנטן, אַ פאַריאָגטער געשעפטסמאַן, אין צענטער פון מאַנהעטן האָט די קאַר זיך אָפּגעשטעלט פאַרן רויטן ליכט. עס איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן. זייער, זייער שטיל און אומבאַוועגלעך. אַ זעלטענע שטילקייט. מײַן באַקאַנטער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און

געזאָגט: דאָס זענען בײַ מיר די בעסטע מינוטן פון טאָג, מינוטן פון שטילקייט...

דאָס יחידישע לירישע ליד, אין אַלע ליטעראַטורן, האָט פאַרלוירן דעם אַנזען אין די יאָרן פוןביידע וועלט־מלחמות. עס האָט געהייסן, אַז אין אַ צײַט פון סאָציאַלע אומרוען און פּאָליטישע איבערקערענישן איז עס צו סענטימענטאַל, דעפּעטיסטיש, קליין־בירגערלעך, עגאָיִסטיש און נישט אין געמיט פון אַ רעוואָלטירנדיקער געזעלשאַפט. דעם יחיד האָט מען אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, עס האָט דאָמינירט די מאַסע. צאַרטע געפילן האָט מען באַטראַכט פאַר איבעריק און אַפילו שעדלעך. אין די יאָרן פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די פּאָעזיע עקספּערעמענטירט מיט פאָרעם, אינהאַלט און קאָנצעפּציע אין אַ וועלט פון גאַלאָפּירנדיקער טעכנאָלאָגיע און גײַסטיקער צעטומלעניש. איצט זעט זיך אַ געוויסער צוריקקער צו דעם לירישן ליד. וואָלטן מיר געהאַט אַ יונגן דור פּאָעטן, וואָלט עס אויך געשען אין דער יידישער פּאָעזיע. ווײַל אויך אונדזערע אייניקלעך וועלן זײַן ווי מיר — טרויעריק און פריילעך, מיד און מונטער, איינזאַם און ניט־איינזאַם, דערשלאָגן און אויפגעהײַטערט. אויך זיי וועלן ליב האָבן אַ בלימל, אַ שמייכל און די שטילע מינוטן פון אַ מיטנטאָג אויף אַ גאַס אין מאַנהעטן.

נײַע לידער פון מלך ראַוויטש

זײַן „עיקר שכחתי" איז פּרעמירט געוואָרן פון דער י. י. סיגאַל קולטור־פּרעמיע אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

מיר האָבן אינעם נײַעם בוך אַ סך דיאַלאָגן, נאַכט־שמועסן, מעדיטאַציעס, מאָנאָלאָגן. זיי זענען וועגן לידער, שארית־הנפש, רוחניות און גשמיות, לעבן און טויט, גוטס און שלעכטס, מענטש און גאָט, אַבסאָלוטן און רעלאַטיוון, וועגן ייִד און ניט־ייִד (ראַוויטש זאָגט: „גוי").

די אַלע לאַנגע מעדיטאַציעס האָבן אַ שטאַרקן עלעמענט פון ליד. זיי האָבן אַ הויכע טעמפּעראַטור פון טראַכטן, וואָס קען קומען בלויז פון אַ דיכטערישער פּערזענלעכקייט. ראַוויטש טראַכט ניט נאָר מיטן קאָפּ, נאָר מיט זײַן גאַנצן וועזן, מיט דער נשמה. עס איז אַן עמאָציאָנעל טראַכטן, צו וואָס נאָר אַ דיכטער איז מסוגל. צי די שאַרפע איבערלעבעניש ווערן אַרויסגערופן פון אַ ליכטיקן שטערן אינעם אין־סוף, צי פון אַ שווערן שטיין אויפן טיש, זייער אינהאַלט איז — געדאַנק, באַטראַכטונג. ראַוויטש איז מסתמא דער סאַמע פילאָזאָפירנדיקער דיכטער בײַ אונדז. ווען עס געשעט קאַפּויער, די עמאָציע קומט נאָכן געדאַנק — איז דאָס ליד מער ליד. אין „גראַמען געשריבן אין זאַמד" (זײַט 135) חזרט איבער ראַוויטש צוויי שורות פון דער ערשטער לירישער סטראָפע בײַם סוף פון ליד — און עס איז אַ סך בעסער אַזוי. עס איז טאַקע איינע פון די געפּרעסטע, וואָס איז אַ דערגרייכונג פאַר זיך אַליין, און פון די שענסטע לידער אין דעם בוך. לאָמיר דאָ ברענגען עטלעכע סטראָפן:

גראַמען געשריבן אין זאַמד

אין גאָרטן. סוף־זומער. פּאַרנאַכט. אויף אַ באַנק.
אַ לעצט־העכסטער טורעם אין מערב־זײַט פלאַמט.
עס שטאַרקט זיך דער נאַכט־ווינט. און איך שרײַב
אַ ליד
מיט אַ ריטל, אַ טרוקנס, אין גאָרטן־זאַמד:

שלעכט ביסטו, מענטש און הפקר ווי וואַסער
איז דיר דײַן חברס וואַרעם בלוט.
גאָט מײַנער, מענטש מײַנער, זאָג מיר — פאַרוואָס?
עס איז דאָך אַזוי גרינג צו זײַן גוט!

שלעכט ביסטו, מענטש, ווי אַ חלף דײַן געשריי,
אַז דו ביסט אייביק גערעכט און גערעכט!
גאָט מײַנער, מענטש מײַנער, זאָג מיר — פאַרוואָס?
עס איז דאָך אַזוי שווער צו זײַן שלעכט!

ראַוויטש אַליין האָט שוין געשריבן ניט ווייניק מאמרים וועגן פּאָעזיע. אין דעם בוך שרײַבט ער: „פּאָעזיע איז ניט און זאָל ניט זײַן אַ שפּילערײַ מיט ווערטער און נײַערט די שטרעבונג צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם אַבסאָלוטן אמת ווי אַ לעבנס־דעוויז".

דאָס קאָן אונדז אַרײַנפירן אין אַ לאַנגער דעבאַטע אַרום די דעפיניציעס וואָס עס מיינט „אַבסאָלוטער אמת", וואָס עס מיינט „פאַרווירקלעכן", ווער באַשטימט די „לעבנס־דעוויזן" — און פאַר וועמען — אינטערעסאַנטע און קלוגע מחשבות וואָס ברענגען אונדז צו ליכטיקע, אָדער גאָר טונקעלע, לאַבירינטן פון פילאָזאָפיע. דער ענין פון ליד וועט בלײַבן אויף יענער זײַט דיסקוסיע.

געוויס, אַ ליד קאָן זײַן, דאַרף זײַן, אויך געדאַנק, אָבער ניט בלויז געדאַנק, ווי גרויס און טיף ער זאָל ניט זײַן. ווען איך פיל אַ באַדערפעניש צו לייענען לידער, וועל איך ניט עפענען שפּינאָזאָס „עטיק", כאָטש שפּינאָזאַ איז אויך געווען אַ פּאָעט. איך וועל נעמען אַ ביכל פון רילקען, רעמבאָ, לערמאָנטאָוו, ראַלניק, פּאָ, ראָבינסאָן. סוף כּל סוף איז ליד ליריק. זי קאָן קומען דורך וואָרט, דורך מוזיק, אַמאָל דורך כּוח הדיבור — אָבער ריינע ליריק. לאָמיר ווידער ברענגען אַ בײַשפּיל פונעם בוך. דאָס ליד „שפּעטער האַרבסט — פאַרנאַכט בײַ אַן אָפן פענצטער" (ז. 109). אויך דאָ קומט דער אייביק־טראַכטנדיקער מ. ראַוויטש מיט געדאַנקען וועגן דער אייביקייט („אייביקע שטערן", „אייביקע רו", „אייביקער אויפגאַנג").

די מעלה פון דעם ליד איז דווקא — די שטילע מוזיק: מוזיק פון ווערטער און פאַרבן און מוזיק פון שורות און מוזיק פון צוויי געמיטער וואָס קומט פון אַ דיכטערישער לירישער וועלט; אפשר גאָר אַפילו פון אַן „אין־סוף", וועגן וועלכן ראַוויטש שרײַבט גאַנצע 12 לאַנגע לידער.

אָט איז דער סוף פון דעם:

— פאַרוואָס האָסטו, שוועסטער, געוויינט?
— איך האָב געוויינט ווײַל די ערד איז גרין,
און דאָס לעבן איז טונקל גרוי
און גייט אייביק אַהין, אַהין —
און דער הימל איז שוין טונקל־בלוי —
איך ווייס ניט וואָס איך האָב געוויינט —
— אָבער איך, שוועסטער, איך ווייס עס גענוי.

עטלעכע שורות וועגן נאָמען פון בוך:

עיקר — איז עיקר און מיינט, אַז עפּעס איז וויכטיקער פון אַלע איבעריקע זאַכן. עס איז נישט פּאָסט־סקריפּטום, ווי דאָס בוך רופט זיך אין ענגליש. אַ פּאָסט־סקריפּטום אין אַ בריוו קאָן זײַן וועגן אַ נאַרישקייט. מיט זײַן „עיקר שכחתי" האָט מנחם־מענדל אָוועקגעמאַכט זײַן גאַנצן אָנגעשריבענעם בריוו. די לידער אין דעם בוך זענען ניט אַנדערש ווי אין ראַוויטשעס אַנדערע ביכער: אין ברייטן ים פון פילאָזאָפישע מעדיטאַציעס ליגן אויפן דנאָ — לירישע פּערל.

ראַוויטשעס דערקלערונג פאַרן נאָמען איז: „אַ היפּש ביסל אַליין־באַרעכטיקונג און נאָך מער אַליין־סאַרקאַזם".

איז דאָ ניט קלאָר: באַרעכטיקונג פאַר וואָס? פאַר אַרויסגעבן דאָס בוך? און פאַר וואָס זײַן סאַרקאַסטיש צו זיך?

„חסד של אמת" — אַ געטאָ־נאָוועלע
פון ישעיהו שפּיגל *

מיטן אָנרופן זײַן ערשט בוך נאָוועלן „מלכות געטאָ" האָט מיך ישעיהו שפּיגל פאַראינטריגירט: וואָס איז דאָס מלכותדיקע, רחבותדיקע, שלוודיקע, שיינע, אינעם לעבן פון די געטאָ־ייִדן? געטאָ איז דאָך ענגשאַפט, געוויין, רציחה!

אין גבית־עדותן, דאָקומענטן, רעאַליסטישע און פיקטיווע באַשרײַבונגען, לידער, האָב איך דעם ענטפער נישט באַקומען. ביסלעכווײַז, נאָכן לייענען נאָך און נאָך שפּיגלס שאַפונגען, איז צוזאַמען מיט אַ פאַמעלעכדיקער עמאָציאָנעלער פאַרלײַכטערונג, געקומען דאָס משיג זײַן און באַוווּנדערן פון עפּעס אַנדערשדיקס, פאַרבאָרגנס און אויסטערלישס וואָס דער מחבר האָט אַנטפּלעקט:

נישט אַלץ וואָס מיר באַצייכענען מיט „מענטשלעך" האָט דער געטאָ באַוויזן אָפּצולייקענען. נישט נאָר בײַ מענטשן, אויך בײַ אַנדערע „גאָטס באַשעפענישן" איז פאַרבליבן עפּעס וואָס איז נשמהדיק, אַ געוויסע מאָס אינטעליגענץ און אומבאַגרײַפלעך שיינס וואָס דערמאָנט מיטגעפיל און זאָרג — אַפילו אין זייערע לעצטע שטערבלעכע מאַטערנישן. אויך זיי, די „גאָטס באַשעפענישן" זענען געווען קרבנות פון דער נאַציסטישער ברוטאַליטעט.

דאָ זענען די רייד נישט וועגן שפּיגלס גאָרן שאַפן. בלויז וועגן איין נאָוועלע. איך האָב זי צוויי מאָל געלייענט און ווען איך טראַכט וועגן געטאָ קוק איך ווידער און ווידער אין איר אַריין.

„חסד של אמת" איז אַ נאָוועלע, געשריבן געפּרעסט און צימצומדיק.

---

* דערשינען אינעם בוך: „צוויי דערציילונגען", פאַרלאַג ישראל־בוך, 1978 — אויך איבערגעזעצט אין עברית דורך מרדכי אמיתי.

זי פאַרנעמט 16 זייטן און איז איַינגעטיילט אין צוויי גרעסערע און צוויי קלענערע קאַפּיטלען וואָס דערציילן וועגן געטאָ לאָדזש. דאָס זענען אַכט בלעטלעך פּראָזע און פּאָעזיע באַקאַנטע, דאָך נישט צופעליקע כראָניק. די דריַי עלעמענטן זענען גוט פּראָפּאָרציאָנירט און דער לייענער גייט גרינג אַריבער פון שילדערונג צו נאַראַטיוו און פון נאַראַטיוו צו שיל־דערונג. ער ווערט אַדורכגענומען פון אַ שטילן שנייִקן טרויער וואָס עס ברענגען אים די לעצטע שורות פונעם ערשטן קאַפּיטל:

„דער שניי איז געפאַלן קרומלעך און זיך געלייגט
אין קלאָרע קליינע בערגלעך ביַי די זייַטן פון פענצטערל.
פון דאָרט האָט אַ הימלדיקע פרעמדע שנייוויַיסקייט
אַריַינגעבליקט אינעם פינצטערן שטאַל, און צעשאַרט
לעבן דער שקאַפע אַ בלייכע גוטע ליכטיקייט".

די גוטע ליכטיקייט וואָס פאַלט אויפן געמיט פון לייענער קומט נישט נאָר פונעם שניי אויפן פענצטערל. זי קומט אויך, בעתן לייענען, פון די גוטע מידות ביַי ייִדן, פאַרן און אינעם געטאָ: דאָס אָפּהיטן אַ תּקיעת־כּף, טאָן אַ חסד־של־אמת, ליבע ביַי אַ פאַרפאַלק, דאָס געפיל פון צער־בעלי־חיים. דער שריַיבער ברענגט דאָס אַלץ אַרויס פון דער פּראָסטיקער פינצ־טערניש מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט. מיט די צערטלעכסטע רייד רעדן דער בעל־עגלה פון מלאָווע און זיַין דבורה־גיטל. אין דער וועלט פון פייגל — דאָס קליינע שפּערעלע — ווייסט אויך פון רחמנות.

אויף די אומגליקלעכע שווער־טרעטנדיקע באַשעפע־
נישן, וואָס האָבן נישט קיין פליגל און זענען געפאַנגען
פון דער ערד".

דערפאַר איז אונדז ליַיכטער דאָס זיַין מיט דער אויסגעפיַיניקטער מעוברתדיקער שקאַפע, מיט די מחנות הונגעריקע מיַיז, מיט די טויטע פליגן אין אַן אויסגעליידיקטן פּראָסטיקן שטאַל. דאָ איז דער צענטער פון די פאַרקומענישן און אויך פונעם שריַיבערס קינסטלערישן כּוח. דאָ ליגט דער מאַסיוו פון פּאָעטישע שילדערונגען, גרויסאַרטיקע בילדער, איַינפאַ־לערישע פאַרגליַיכן, לירישע פּראָזע און פונעם שיינעם פוילישן ייִדיש.

פון דעם מאַסיוו קאָן מען אַרויסנעמען פראַגמענטן, און אַפילו בינטלעך שורות, און האָבן פאַר זיך לידער וועגן שניי, ווינט, הימל, נעפּל, זאַווע־רוכעס, ווראָבלעס און — וועגן געטאָ.

איך האָב שוין געלייענט גענוג באַשרײַבונגען פון חיות אין קלעם; פאַרפאַלגטע, געפּאַנגענע, געראַניעטע. קיין איינער פון זיי איז נישט גע־שריבן מיט אַזאַ נשמהדיקן גלי, ווי עס גיט איבער י. שפּיגל די פיזישע ליידן פון דער חיה, וואָס אַפילו די נאַטור לאָזט אויס איר ווינטערדיקן כעס צו איר. אַ צער, וואָס רופט אַרויס אַ טרער ביַים לייענער, רינט פון זיַין שריַיבן.

אויך דער קאָנסערוואַטיווער לייענער פון פּראָזע, וועלכער איז באַ־זונדערס פאַראינטערעסירט אין אַ געוויינלעכן סיפּור־המעשה האָט גענוג דערציילערישן און דראַמאַטישן שטאָף: אַ פאַרשטערטע ליבע, אַ מאַנס־פאַרשוין וואָס וויינט, אַן אַקציע אין געטאָ, אַ האַרציקן דיאַלאָג פון אַ פאַרליבט פאַרל. עס איז אַ זעלטענער זיווג פון פּאָעזיע מיט פּראָזע, פון מוזיק מיט לשון.

וויַיל נישט נאָר פּאָעזיע, נאָר אויך גוטע פּראָזע האָט ריטעם און מוזיק. איך וויל דאָ דערמאָנען מיַינעם אַ באַקאַנטן פון וואַרשע וואָס פלעגט פון ציַיט צו ציַיט דרוקן זיַינע סקיצן אין „נאַש פּשעגלאָנד". זיי זענען שטענדיק געקומען אונטן פון דער ציַיטונגס־זיַיט און פאַרנומען בלויז איין דריטל. ער האָט געוואָלט איך זאָל זיי איבערזעצן אויף ייִדיש. ער פלעגט זיי מיר פאַרלייענען און דערביי צוקלאַפּן מיטן פוס צום טאַקט. איך האָב געפּרוווט איבערזעצן און עס איז מיר נישט געלונגען, צי וויַיל עס איז נישט געווען אין מיַינע כוחות, צי דער ריטעם פון ייִדישן זאַץ איז אַן אַנדערער ווי פון פּוילישן. ער האָט געטענהט: נישט צום טאַקט, נישט צום טאַקט!

ביי י. שפּיגל איז דאָ מוזיק און ריטעם און שטימונג ווען ער רעדט צו אײַך מיט פּשוטע פּראָזאַישע רייד:

„און אַזוי איז געשען, אַז זי האָט זיך פּאַוואָליע, אָן כוחות, מיט מטושטשדיקער ראיה, אַראָפּגעלאָזט מיט

> די פיס, לכתחילה מיט די הינטערשטע, דערנאָך מיט די פאָדערשטע, אויפן קאַלטן פּאַרקויטיקטן שטיינער־נעם שטאָל־דיל״.

מע קאָן דאָס אויסשטעלן אין ריטמישע שורות.

י. שפּיגל רופט אָן זײַן ווערק מיטן ריכטיקן נאָמען: „געטאָ־נאָוועלע״. די „מעסערדיק־פּראָסטיקע קעלט״ פון שטאָל, די ווערבלעס מיט די פאַרוואָרפענע קעפלעך, די שקאַפּע מיט איר אויפגעגאַנגענעם בויך, דאָס „זילבערנע שאָרכערײַ״ פון די מײַז, לאָזן נישט צורו. בלויז איין און איינציק מאָל פאַרלאָזן מיר דעם געטאָ — ווען וועלוול סטריקאָווער טראָגט זיך אַריבער אין זײַנע געדאַנקען קיין פאַרמלחמהדיקן מלאַווע. נישט קיין וווּנדער וואָס דער מחבר גיט צו צו די סובסטאַנטיוון דאָס ערשט „געטאָ״, געטאָ־קעלערן, געטאָ־מענטשן, געטאָ־שפּערעלע, געטאָ־חשכות, געטאָ־שניי און אַנדערע. ער דערציילט אויך דירעקט וועגן דעם ברוטאַלן, וועגן דעם וואָס מאַכט אויפציטערן, דאָס וואָס מיר טאָרן נישט פאַרגעסן:

> „זיי האָבן געעפנט שענק און ליידיקע חדרים, צעשניטן מאַטראַצן, אויפגעריסן דילברעטער, און מיט קליינע שפּיציקע באַגנעטעלעך געקלאַפּט אין די גלאַטע ווענט. זיי האָבן לאַנג געהאַלטן זייערע קעפּ בײַ די נאַקעטע ווענט... זיי האָבן געזוכט אויף ביידעמער, אין צעפּאַ־לענע אַלטע קופערטן, אויפגעריסן טירן פון שטובן, פון וואַנען עס זענען שוין לאַנג אַרויסגעפירט געוואָרן די מענטשן״.

און דער סוף איז נישט קיין פּיקטיוועס. זיי האָבן זיך געטראָפן: דער קרבן, אַ ייִד וואָס וויל ראַטעווען אַ נאָך־נישט געבוירן לעבן פון אַ בעל־חי, און דער מערדער, אַ נאַצי, „וואָס מיט חוזק פאַרענדיקט צוויי לעבנס מיט אַ „גנאָדענשוס״.

איך האָב די נאָוועלע צוויי מאָל געלייענט אָן אַן איבעררײַס. אויך בײַם צווייטן מאָל לייענען האָט מיר בײַם סוף אַ קלעם געטאָן בײַם

האַרצן. אין ריטעם מיטן לייענערס געמיט, וואָס נייטיקט זיך אין אַ ביסל רו נאָך אַזויפיל אויפטרייסלונג, פאַרענדיקט י. שפיגל מיט אַ זעלטן שיי־נער באַשרייבונג פון אַן אײַנגעשטילטער נאַכט נאָך אַ שניי־שטורעם:

בעת אין שטאָל איז נאָך געהאָנגען די פינצטערניש איז אין דרויסן מיט אַ מאָל געוואָרן זייער ליכטיק. דער צפון־ווינט האָט אויפגעהערט. אויך דער שניי־געווירבל איז פאַרשטילט געוואָרן. אַ קאַלטע טויטלעכע געטאָ־לבנה האָט געקלעטערט אַריבער די שפּיציקע ווינטער־וואָלקנס. פון דאָרט, פון אַלע שווימענדיקע הויכקייטן, האָט געטריפט דאָס געלע לבנה־ליכט. ס'האָט אויסגעזען ווי עמעצער וואָלט איבער די ליידיקע פּאַציאַטקעס, אָפענע דעכלעך, געצונדן אַנצאָליקע מנורות...״

צווייִ מאָל אין הויז בייַ קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

אין מייַנע קינדער־יאָרן, ווען איך בין נאָך געווען אין דער יידישער עלעמענטאַר־שול, האָב איך אַ שטיקל צייַט געטראָגן אַ פּאַרדראָס אויף דער וואַרשעווער לערערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. איך פלעג הערן פון מייַנע ברידער אין דער היים און פון די לערערס אין שול, אַז זי איז פון די וואָס „ווילן אומברענגען די יידישע שול". ווי קאָן דאָס טאָן אַ יידישע לערערין ? *

דער פּאַרדראָס האָט זיך אויסגעוועפּט ווען איך האָב געלייענט איר פּאָעמע „אַ דאַמע מיטן הינטל גרויס ווי אַ פינטל", דאַכט זיך, אין די „ליטעראַרישע בלעטער". עס איז פאַרשווונדן די לערערין מאָלאָדאָווסקי און אויף איר אָרט איז געקומען די דיכטערין מאָלאָדאָווסקי. איר פּרעס־טיזש איז בייַ מיר נאָך מער אויסגעוואַקסן ווען עס איז אָנגעקומען איר ביכל לידער „חשוונדיקע נעכט", און מייַן ברודער האָט מיר געמאָלדן: „דאָס איז נישט פאַר דיר, וועסט עס לייענען ווען דו וועסט עלטער ווערן". איך האָב אים טאַקע געפאָלגט. סייַווי האָבן מיך געשראָקן די פיגצטערע טאָוועלעך און די ווייַסע בלעטלעך האָבן מיר אויסגעזען ווי מצבות פאַר־שריבענע מיט פּיי־נונס. וואָס גיכער עלטער ווערן האָב איך יאָ געוואָלט.

איך האָב געוווסט אַז קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז אַ גרויסע דיכטערין נאָך איידער איך האָב געלייענט אירע לידער. איך האָב דאָס געהערט אָפט פון מייַנע ברידער, געלייענט אין זשורנאַלן. עס איז געווען אינדאָקטריי־נאַציע, דאָס פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אין דערציִונג. איר נאָמען האָט מיר געקלונגען ווי אַ באַרימטער נאָמען פון אַ ווייַטער צייַט אין אַ ווייַטן שטח, אויסגעזען ווי אַ מאָנומענט, אויפגעשטעלט מיט אַ דור צוריק, צו באַוווּנדערן אים.

---

* געמיינט דעם קאַמף וואָס די „לינקע" האָבן געפירט אין דער „צישאָ" אין די מיטן צוואַנציקער יאָרן.

איך האָב קיינמאָל קאַדיע מאַלאַדאָווסקי פון דער נאָענט נישט געזען, נישט פאַרגעשטעלט זיך אַז איך וועל מיט איר רעדן. דאָך איז עס געשען. שוין דאָ אין ניו־יאָרק, מיט יאָרן שפּעטער. אין אַ שיינעם טאָג פאַלט מיר איין אַרייַנצושיקן צוויי לידער אין זשורנאַל „סביבה", וואָס זי האָט רע־דאַגירט. צו מייַן גרויסער איבערראַשונג קלינגט גאָר אינגיכן דער טעלע־פאָן: דאָ רעדט קאַדיע מאַלאַדאָווסקי. די לידער געפעלן איר און זי וויל איך זאָל צו איר אַראָפּפאָרן, אַהיים. זי וויל איך זאָל ענדערן אַ שורה אין איין ליד. די שורה לייענט זיך: שמחה, און קיינער ווייסט נישט אַז דאָס איז מייַן ברודער. פון גרויס צעטומעלנישט האָב איך מסכּים געווען. פאַרביטן דאָס מיט „ברודער אַנדערשדיקער" („סביבה", נומער דריי, מאַי 1961). ווי וואָגט מען נישט מסכּים צו זייַן מיט קאַדיע מאַלאַדאָווסקי?

געשלאָפן די נאַכט בין איך נישט. אַז איך רעד וועגן ברודער איז קלאָר געוועזן פונעם טעקסט. און נאָך עפּעס: „ברודער אַנדערשדיקער" איז צוגעטראַכט, איבעריק; שמחה — איז מייַן ברודער.

מיט מאַנאָטאָנעם ריטעם פונעם אייַלנדיקן סאָבוויי זענען מיר געקו־מען אויפן זינען עטלעכע שורות פון אירס אַ ליד, געדרוקט דאָ נישט לאַנג:

מיר זייַנען איצט שוין ווי צוויי גרויע טויבן,
און מיטן אויפקום פון פרימאָרגן,
גייען מיר צום פענצטער ליכט זיך באָרגן
אויף דעם טאָג, דעם קורצן זיך באַזאָרגן —
מיט אַ ביסל שייַן.

ביי דער טיר האָבן מיך אָפּגעוואַרט צוויי אַלטיטשקע, מיט גרויע קעפּ און שמייכלענדיקע קנייטשן אויף די פּנימער. זיי זענען געשטאַנען נאָענט צו זיך ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעהאַלטן ביי די הענט.

אויפן וועג האָב איך געהאַט געקויפט אַ קליינעם טאָרט. אַז מע גייט צו עמעצן אין גאַסט דאַרף מען דאָך עפּעס ברענגען. נישט אמת? נישט אמת.

— וואָס האָט איר דאָ? איך דאַרף נישט קיין מתּנות!

אין קאַדיע מאַלאַדאָווסקיס קול איז געווען אַ בייזקייט. דאָס גרינגע פּעקעלע אין מײַנע הענט איז געוואָרן שווער ווי אַ שטיין. שמחה לעוו האָט עס בײַ מיר צוגענומען.

(מיט שמחה לעוו האָב איך זיך צופעליק געהאַט באַגעגנט אין וואַרשע, אין אַ ביליק רעסטאָראַנדל אויף דער כלאָדנע, ווו פאַר 70 גראָשן האָט מען באַקומען אַ פּרוכט־זופּ מיט ברויט.)

עס איז געווען אַ וווינונג אין די אַמאַלגאַמייטעד הײַזער אויף גרענד סטריט, אין מאַנהעטן. דורך די גרויסע פענצטער האָט מען געזען לאַנד־שאַפטן פונעם אָוונטיקן ניו־יאָרק: פאַרביקע פריילעכע ליכטער, דעכער באַגאָסן מיטן צינאָבער פון שקיעה, געדיכטע נעצן פון אַנטענעס. אויף דער סאָפע זענען געזעסן בײדע אַלטיטשקע און די דיכטערין האָט דער־ציילט וועגן דעם דערפאָלג פון איר זשורנאַל „די סביבה". אָן אָפּרוף איז געקומען פון ווײַטע לענדער. דאָס האָט זי דערפּירט גאָר צו אָן אַנדער טעמע, אַ מער אינטימער, צו רייד פון אַ נײַ־געקומענעם צו אַ נײַ־געקו־מענעם.

איך האָב זיך אײַנגעהערט מיט יראת־הכּבוד און מיט פאַרווונדערונג. מיט דער „סביבה" האָט זי געוואָלט שאַפן אַ היימיש ווינקל. אַ ווינקל פאַר באַקאַנטע, פאַר נאָענטע, פרײַנד. דאָ, אין ניו־יאָרק, איז מען קאַלט, ווײַט, פרעמד. זי מיינט עס וועגן דער סביבה פון די היגע שרײַבער. יעדערער איז פאַרזאָרגט און פאַרנומען מיט זיך, מיט דער פאַמיליע, מיט ביזנעס. מע שרײַבט אַ סך און קיין ליטעראַטור איז נישטאָ. ליטעראַטור איז נישט נאָר דאָס געשריבענע — זי דאַרף אויך סביבה, אַטמאָספער, באַוועגונג, געזעלשאַפטלעכן (קהלישן) אינטערעס.

איך האָב זיך שטאַרק געוווּנדערט.

קאַדיע מאַלאַדאָווסקי איז דאָך פון די סאַמע אָנערקענטע פּאָעטעסעס. מע שרײַבט וועגן איר אין אַלע זשורנאַלן, מע האָט איר אָפּגעגעבן אַ באַ־זונדערן כּבוד אין ישראל. דאָ איז זי אַ טייל פון ליטעראַרישן עסטאַבליש־מענט, פאַרנעמט אַן אויבנאָן זײַט בײַ זײַט מיט לייוויקן. נאָך אין 1936 האָט זי אים געווידמעט אַ פּאָעמע פון גאַנצע דרײַ זײַטן „דער ווײַסער

פּאָעט״. פּאַר וואָס אַזאַ געפיל פון עלנט זײַן? איז דאָס נאָסטאַלגיע, די בענקשאַפט נאָכן אַמאָל, נאָך „פריידקען״ און „דזשיקע גאָס״?

אין קליינעם קיכל בײַם אָוונטברויט, אויפן טיש זעמל, ווײַסער קעז און מילך. האָט מיך קאָדיע מאָלאָדאָווסקי דערמאָנט.

— ווען איר קומט צו מיר, ברענגט נישט קיין מתנות. איך וועל אײַך נישט אַרײַנלאָזן אין שטוב.

איצט איז אין איר קול געווען אַ ווייכקייט.

געקומען אַהיים, האָב איך אויפגעמישט „דזשיקע גאָס״. שוין צענד־ליקער יאָרן אַז איך קען דאָס ליד:

אין מײַן היים איז שוין אַ טיפער שניי,
בײַ אַן אײַנגעפראָרענעם וואַסער
וואָיעט אַ וואָלף אין ווינטערדיקן הונגער,
ווי אַ וואָלקן איבער ווײַסע פעלדער ציט זיך
זײַן געשריי.

אַזאַ בילד פון אַ ווינטערדיקן הונגעריקן וואָלף פאַרגעסט זיך נישט. פאַרגעסן וועט דאָס אויך נישט די פּאָעטעסע, וואָס האָט דאָס ליד פאַר־שריבן. שיינע לאַנדשאַפטן, ווי גוטע פריינט און שיינע מוזיק, קאָן מען נישט פאַרבײַטן. איז דאָס געווען די סיבה פון דער דיכטערישער נאָס־טאַלגיע?

*

ווי אַזוי עס איז געווען מיטן צווייטן מאָל קומען געדענק איך נישט. איך דערמאָן זיך נישט אַז קאָדיע מאָלאָדאָווסקי זאָל מיך האָבן פאַרבעטן. אָבער אָן אַ פאַרבעטן וועל איך דאָך נישט קומען. עס האָט געמוזט זײַן אַ סך שפּעטער, נאָך 1962, ווען דער אַרבעטער־רינג האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן מײַנע לידער פאַר קינדער „פריילעכע טעג״. די דיכטערין האָט שוין געהאַט געשריבן וועגן זיי אין איר זשורנאַל „סביבה״. געשריבן האָט זי אַז דאָס זענען „וואָכעדיקע פערזן״ און אַז זי וועט דאָס גאַנצע ביכל „לידער פאַר קינדער״ אָוועקגעבן פאַר פיר שיינע שורות מ. אַליצקיס אין אַ ליד „פאַר גרויסע״.

דעם עגמת־נפש וואָס דאָס האָט מיר פֿאַרשאַפֿט בין איך איבערגעקומען. דאָס בוך איז פּרעמירט געוואָרן, האָט באַקומען גאָר אַ סך גוטע אָפּרופֿן, די לידער זענען געלערנט, דעקלאַמירט און געזונגען געוואָרן אין די ייִדישע שולן איבער גאָר דער וועלט. זעט אויס, אַז די רעצענזיע האָט אויך די מחברין נישט פֿאַרגעסן, ווײַל גלײַך בײַם אַרײַנקומען האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— גוט וואָס איר זענט געקומען. איך האָב געמיינט, אַז איר וועט נישט וועלן רעדן מיט מיר.

דאָ געדענק איך נישט קיין ווײַטיקע פּרטים. איך געדענק יאָ די אינטערעסאַנטע געדאַנקען וואָס קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט אַרויסגעזאָגט וועגן ליטעראַטור פֿאַר קינדער און וועגן פֿאַרריכטן אָדער אויסבעסערן לידער. (און אפשר האָט זי אַ טייל פֿון זיי אַרויסגעזאָגט בײַם ערשטן מאָל זײַן בײַ איר אין ווױנונג).

אַ שרײַבער שרײַבט נישט ספּעציעל פֿאַר קינדער — האָט די דיכטערין געזאָגט — אַ שרײַבער שרײַבט וואָס ער דאַרף שרײַבן. בײַם שרײַבן טראַכט ער נישט וועגן ווער עס וועט דאָס געשריבענע לייענען. אויב קינדער קאָנען דאָס פֿאַרשטיין, זאָגן מיר אַז דאָס איז קינדער־ליטעראַטור, רופֿן מיר דאָס קינדער־ליטעראַטור. ווען עס איז צו רייד געקומען וועגן שלום עליכמ׳ס קלאַסישער דערציילונג „די פֿאָן", ווו קינסטלעריש ענדיקט זיך די מעשה זייער טרויעריק, און דערנאָך קומט אַ קליין קאַפּיטעלע, זעט אויס צוגעשריבן שפּעטער, מיט אַ פֿריילעכן סוף, האָט די דיכטערין נאָך אַ לאַנגן טראַכטן גערעדט צו זיך אַליין:

— איבעריק, טאַקע איבעריק.

בײַ אַ געלעגנהייט האָב איך געוואָלט פֿאַרטיידיקן מײַנע לידער פֿאַר קינדער. געזאָגט, אַז איך האָב טאַקע באַוווּסטזיניק געשריבן זיי מיט אַ לײַכטער וואָכעדיקער שפּראַך, מיט צוגעקליבענע ווערטער, עס זאָל פֿאַר די קינדער גרינג זײַן. זיי הערן נישט די שפּראַך אין דער היים און דאָס לייענען קומט זיי אָן זייער שווער.

אַז מיר וועלן זיי געבן לײַכטע שפּילעוודיקע שיינע לידער, וועלן

זיי דאָס לשון און דאָס ליד ליב באַקומען, וועלן זיי אפשר אויף די עלטערע יאָרן האָבן חשק צו עפענען און לייענען אַ יידיש בוך.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט מיט אַ זיפץ געזאָגט:

— איז נישט גוט. מיר וועלן קיין ליטעראַטור נישט האָבן.

צו רייד וועגן אויסבעסערן לידער איז געקומען, ווײַל אויפן טיש איז געלעגן אהרן צייטלינס דריטער בוך „געזאַמלטע לידער", ווו בײַם סוף געפינט זיך „אַ צאָל אויסגעבעסערטע שורות און באַמערקונגען". קוקנדיק אויפן בוך האָט זי געזאָגט:

אַ ליד קאָן מען נישט אויסבעסערן. אַ ליד קומט בלויז איין מאָל. עס גיט אַ ברי בלויז איין מאָל. אַ צווייטן מאָל דאַרף דער דיכטער דאָס ליד ברענגען מיט כּוח. און עס איז שוין קאַלט. אהרן צייטלין קאָן דאָס טאָן. איך נישט. עס ליגט בײַ מיר אַזאַ בינטל לידער, וואָס איך דאַרף, לויט צייטלינען, „אויסבעסערן". ליגן די לידער. איך קאָן זיי נישט דרוקן, ווײַל עפּעס פעלט אין זיי. טייל מאָל ווילט זיך מיר קומען צוריק צו זיי. איך טו עס נישט.

*

אירע לעצטע יאָרן, נאָכן טויט פון איר מאַן שמחה לעוו, האָט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי געלעבט בײַ איר שוועסטער אין פילאַדעלפיע. אויך איר שוועסטער איז שוין געשטאָרבן. ערגעץ־ווו, אין אַ פאַרגעסענעם שופלאָד, ליגט אַ בינטל לידער און וואַרט מע זאָל עס געפינען. עס וואָלט געווען אַ געווינס פאַר דער יידישער פּאָעזיע.

די פּאָעטעסע רייזל זשיכלינסקי

מיט אַ שפּאָר ביסל פרייד און גרויסער איבערראַשונג האָט דער בעסערער לייענער פונעם ייִדישן ליד אויפגענומען אין מיטן די דרײַסיקער יאָרן אין פּוילן די זייער קורצע, זייער אַנדערשדיקע, זייער שיינע לידער פון רייזל זשיכלינסקי. אַ נייער נאָמען אין די דעמאָלטיקע ליטעראַרישע אויסגאַבעס.

ווײַל מיד איז ער שוין געווען, דער לייענער, פון דער פּראָבלעמאַטיק אין דער פּאָעזיע. מיד פון די סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, פון פילאָזאָפישע זוכענישן, פונעם רופן צוריק צו רעליגיע און פונעם פּראָקלאַמירן אַ „נײַע פרײַע וועלט". ער האָט געפילט אַ גרויסע בענקשאַפט צום שטילן לירישן ליד.

מאָדנע האָט אויסגעזען ר. זשיכלינסקיס ליד נאָכן ערשטן מאָל לייענען, וואָס מיינט עס ?

„כ'בין געגאַנגען אין מאַרק אַרײַן
קויפן זיך גרינע פרימאַרגן־לאַטשן,
טראָג איך אַהיים
רויטע לאַטשן.
דער קרעמער האָט געוואָלט אַזוי,
זײַן געלער קרומער צאָן".

געציילטע זעקס שורות זאָגן זיי וואָס ? דאַכט זיך אַן אומקלאָרקייט. אפשר גאָר אומזין. דאָך איז דאָ עפּעס געשען: פאַרבן האָבן זיך געביטן, גרין אויף רויט. פאַרוואָס ? ווײַל דער קרעמער האָט אַ געלן קרומען צאָן. וואָס איז די שייכות ? פאַראַן אַ שייכות. דער צאָן איז געל, קרום, מיאוס. די פרייד איז פאַרשטערט געוואָרן. אַ טיפע איבערלעבונג פאַר דער פּאָעטעסע און אויך פאַרן לייענער. ער וועט נישט איין מאָל צוריקקומען צום

ליד. פאַרשטייט זיך דער סענסיטיווער לייענער, סענסיטיוו צו דינע סוב־טעלע אַנונגען. אַ סך לידער זשיכלינסקיס זענען פול מיט אַנונגען.

וויפל שורות פון אַזעלכע און אַנדערע לידער זענען מיר שטעקן געבליבן אויף צענדליקער יאָרן אין זכרון?

„דער טיש
כ׳קען שווערן —
ער האָט אַ וואַלקן אויפגעגעסן,
ער האָט די ליפּן אָפּגעווישט״.
„מאַמע,
האָסט פון דאַרע שטיקלעך האָלץ
צעבלאָזן אַ זון״

„אַכע מידע,
אַלע דורשטיקע
טראָגן מיט ביידע הענט
הגרס לײדיקע קרוג״.

שורות וואָס די פּאָעטעסע האָט געשריבן אין די יאָרן 1935 אָדער 1936, מיט פּופציק יאָר צוריק. איך האָב זיי געפונען אין איר בוך „שווײַגנדיקע טירן״, אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק 1962.

אַ שטילקייט און אַ שווײַגן דאָמינירן אין זשיכלינסקיס לידער, און אַפילו ווערטער ווערן נישט געזאָגט, נאָר „גלאָצן צום הימל״, און אויב רעדן — „רעד שטילער, שטעל פּאַמעלעך די טריט״. די ווענדונג איז נישט קיין דעקאָראַטיווער מיטל פונעם דיכטער, נאָר ווײַל „געלע בלעטער ליגן אויף דער ערד״ און די טעג זענען שוין געל, און אין איינעם מיט דער דיכטערין ווייסטו, עס איז האַרבסט, עס איז סוף. דו, לייענער, ביסט אויך סוף — טאָ לאָז „דעם ווינט פריִער אַריבערגיין דעם וועג״ — ביסט שוין ווייניקער פון ווינט, לייענער. און ווידער — דאָס גאַנצע ליד ציילט זעקס שורות!

דאָס פּריִער־דערמאָנטע בוך „שוויַיגנדיקע טירן" איז אַן אָפּקלייב פון ר. זשיכלינסקיס לידער געשריבן אין משך פון דריַי צענדליק יאָר און נעמט אויך אַריַין שאַפונגען אין דער דיכטערינס נייַער היים, אַמעריקע. (ערב דער מלחמה זענען אירע צוויי לידער־ביכער „לידער" און „דער רעגן זינגט" (1936־1939) דערשינען בייַם יידישן פּען־קלוב אין וואַרשע, וואָס האָט אין יענע יאָרן געהאַט דעם אָנזען פון אַ פּרעסטיזשפּולער פּרעמיע. דאָ אין אַמעריקע איז ר. זשיכלינסקי פּרעמירט געוואָרן פונעם יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק און באַקומען די מאַנגער־פּרעמיע אין תל־אביב).

נאָך דער זאַמלונג איז אַרויס „האַרבסטיקע סקווערן" 1969 און „די נאָוועמבער־זון", 1977 אין ניו־יאָרק און פּאַריז לויטן סדר. וואָסער ליד אין די אַלע ביכער מיר זאָלן נישט לייענען — איז עס נישט עמעצנס אַנדערש, נאָר ר. זשיכלינסקיס. אויך אין אַמעריקע שרייַבט נישט די פּאָ־עטעסטע אין הסכם מיט די איצטיקע אַנגענומענע דעקלאַרירטע ריכטונגען פון דער דרך־המלכדיקער פּאָעזיע, אַ קער צו רעליגיע און איבערגעטריי־בענעם נאַציאָנאַליזם. זי איז פּאַרבליבן די פריִערדיקע איבעראַשנדיקע, אינטערעסאַנטע, פּאַרנעפּלטע קלוגע און טיפע דיכטערין. זי קומט נישט צו די מלאכים אין הימל און זעט נישט די נפילים אויף דער ערד. זי זעט רעגן, שניי, בלעטער, פּאַרקן, וואָקזאַלן, נעגערס. זי זעט דעם טיימס־סקווער, סאָבוויס, פייגל און מענטשן, פּאַרשיידענע מענטשן. און מער.

די אַלע ערדישע קליינע זאַכן ווערן אין די לידער געזען אין פּאַר־בינדונג מיט דער גרויסער גאָרער וועלט אין שטח, צייַט, באַוועגונג, קאָליר, אויך זיך אַליין, די פּאָעטעסע, זעט זי אַזוי דימענסיע־אַרטיק. פּאַנטעיִסטיש.

די לבנה

די לבנה האָט שוין אויסגעוואַנדערט אין מיר
אַלע ווייַטסטע שטחים,
די בערג מיט שווייַגן
האָט זי אויסגעמיטן.

די פינצטערע וועלדער, וואָס דרימלען אין מיר
האָט זי אָנגערירט
קוים איבער די שפּיצן.
די צײַטן, אין וועלכע איך בין קיינמאָל נישטאָ,
באַלויכט זי קאַלט און שאַרף.
די לבנה —
די יורשטע פון מײַנע לידער.

געווען אַמאָל אַ טעמע בײַ אַ טייל ייִדישע פּאָעטן אין אַמעריקע — די גרויסע שטאָט. דערשראָקענע, פרעמדע, טרויעריקע, האָבן זיי געוואַנדערט אין זייערע לידער איבער די טומלענדיקע גאַסן אין דעם ים פון מענטשן. דאָס „ייִנגל", ווי עס פלעגט שרײַבן בעריש ווײַנשטיין, האָט געבענקט אַהיים, צו טאַטע־מאַמע. שוין נאָך צענדליקער יאָרן וווינען אין לאָנג־איילאַנד. רייזל זשיכלינסקי זעט ניו־יאָרק מיט דער זעלביקער רויִקייט ווי זי האָט געזען וואַרשע. אויך די רוישיקע ניו־יאָרק איז בײַ איר שטילע פּאָעזיע.

ס'איז גוט צו וואַנדערן אין ניו־יאָרק,
טיף אונטערן ים,
צווישן שיפן מיט גאָלד און מיט טרויער;
פלאָנטערן זיך צווישן רעווענדיקע פיש —
די שוואַרצע קאַדעלאַקס און פאַרדס.
ראַטעווען זיך נעבן מאַרמאָרנע בענק,
וואָס היטן אוצרות פון פאַרשטיינערטע
פרינצעסינס;
פרעגן עפּעס בײַ אַ גרינעם בריוטרעגער,
פרעגן אויף אַ גאַס
און גאָר נישט גיין זוכן די גאַס.
אַרײַנגיין אין ליידיקע, און נאַכטיקע פּאַרקן
און וואַרטן אויף אַ רויבער, אויף אַ בוים,

אַנוואַרעמען מיט אַ פינגער קאַלטע מאָנומענטן
וואָס קענען נישט שטאַרבן.

אַ סך וועט נאָך געשריבן ווערן וועגן זשיכלינסקיס ניו־יאָרקער לידער, איינציק אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע און וועגן דעם וואָס עס פעלט זיי — אַ נײַער דור לייענער. מיט דער אינטעליגענץ זיי אויפצונעמען.

באַגלײַך מיט דער עקאָנאָמיע אין שורות. פירט זיך די דיכטערין עקאָנאָמיש אויך אין בילד און געדאַנק. דערפאַר בלײַבן מיר אָפט שטיין פאַרגאַפט איבער דער לאַנדשאַפט אָדער וווּנדערן זיך ווי קומט אַהער די טראַכטונג ? טויבן אין אָקטאָבער „זיצן אַנגעלאָדן מיט ווינטער־האָריזאָנטן" אַ טויב, אַ ווינטער־האָריזאָנט, ווײַל די ווײַסקייט דערמאָנט שניי, און קיל איז. עס איז אָקטאָבער, און זיצן זיצט זי בײַם האָריזאָנט פון דאַך. אינעם ליד „אַ וועקזייגער קלינגט" איז אַ שלאָפלאָזע נאַכט, דער טראָפּן וואַסער וואָס רינט פון קראַן ברענגט דעם געדאַנק וועגן טויט. ווי אַזוי ? ער רינט און רינט און „גראָבט אַ קבר אין דער לאַנגער נאַכט". עס איז נישט גרינג צו דערזען דאָס בילד, אָבער עס איז דאָ. דער לייענער דאַרף אויף לאַנג צומאַכן די אויגן צו דערזען עס. ער טוט דאָס און ער זעט די נאַכט אַ קברדיקן פינצטערן גרוב.

דער מאָטיוו פון טויט חזרט זיך אָפט איבער. זייער אָפט אויף נישט קיין דירעקטן אופן ווי אַ פּועל־יוצא פונעם בילד אָדער שטימונג. אין דער גרויסער שטאָט איז ער סכנה, ווי אינעם ליד „רויט ליכט".

רויט ליכט.
פאַרלאָפן ווערן וועלפישע אויגן
מיט בלוט.
געלאָדנט מיט גורלדיקע לאַסטן
רעוועט דער טראַק.
ס'ווייסן אַלע בריוו אין די זעק —

ס'איז צו שפעט.
אַלע בריקן וואַרטן געשפּאַנט
אויף דעם לעצטן אומפּאַרמײַדלעכן בראַך.

רייזל זשיכלינסקי איז פאַרבליבן אַ וועלטלעך־ייִדישע פּאָעטעסע, איינע פון די וויניקע.

דאָס סאַמע קורצע ליד זשיכלינסקיס איז פול מיט בילד, געדאַנק, געמיט. איך זע נישט אין דער ייִדישער פּאָעזיע קיין פּאַראַלעלע צו איר דיכטערין, אויך נישט אירע קיין פאָרגייערין. זי איז איינציק, (אויפן זיבען קומט די גריכישע סאַפּאָ און כינעזישע פּאָעטן). אירע לידער זענען זעל־טענע, נישט צוליב די מאָטיוון. די מאָטיוון זענען באַקאַנטע: דאָרף, שטאָט, אָרעמקייט, ליבע, טויט, חורבן, טעמעס פון תנ״ך און נאָך און נאָך, נאָר צוליב זייער פאַרטראַכטקייט, נעפּלדיקייט און שיינקייט.

מיט אַ לאַנגער צײַט צוריק האָב איך מיט אַ פרײַנד געשמועסט וועגן עטלעכע לידער פון ר. זשיכלינסקי, געדרוקט אין „צוקונפט". דער שמועס איז אַריבער אין אַן אַמפּערניש וועגן דעם וואָס איז אַ גוט ליד, וואָס איז פּאָעזיע בכלל. פון ביידע צדדים זענען געקומען אייגענע און פרעמדע מיינונגען, ציטאַטן, באַרימטע זאָגן, גוטע און שלעכטע קריטיק. נאָך דער לאַנגער היציקער דיסקוסיע און נאָך אַ לאַנגן שווײַגן פון ביידע, האָט מײַן פרײַנד ווידער אַ פרעג געטאָן:

איז וואָס איז פאָרט אַזוינס פּאָעזיע?

און איך האָב געענטפערט:

די לידער פון רייזל זשיכלינסקי.

ראָשעל וועפּרינסקי

זיי גייען אַוועק, זיי, וואָס האָבן אונדז געגעבן די שטילע, טרויעריקע, אָבער שיינע און קרעפטיקע ייִדישע פּאָעזיע אין אַמעריקע. דער און יענער. די און יענע. איצט ראָשעל וועפּרינסקי. אירע לידער זענען געווען שטילע, אינטימע, פאַרנאַכטיקע, האָבן אַרײַנגעבראַכט די לייענער אין אַ פאַרנאַכטיק געמיט. עס איז געווען אין זיי די זעלטענע ליבע פון אַ פרוי, די אויפריכטיקע וואַרעמקייט פון אַ פרײַנד, דער אָטעם פון דיכטונג.

...און מײַנע אויגן פולע בעכערס בענקען,
טוען זיך אַ וויג צום פרעמדן פאַרבײַגייער,
אין אים — זוכן דיך.
...איך קוק אויפן ווײַסן שטיין
און ס'קלינגט אין אַרומיקער שטילקייט
דער אמת — אַז איך בין אַליין.

וועספּרינסקיס ראָמאַנטישקייט איז ניט געווען קיין קראַנקע, אומבאַהאָלפענע. זי איז געווען אַ געזונטע, אַ דרײַסטע, גענערט פון מענטשלעכן און דיכטערישן מוט. איך ווייס ניט ווי אַלט די דיכטערין איז געווען ווען זי האָט געשריבן די שורות:

פון מײַנע שלאַנקע גלידער ווײנען קינדער ניט־געבוירענע,
וואָס ווילן דורך מײַן לײַב די ווײַסע וועלט דערזען.

די שורות האָב איך געלייענט ווען איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל, אַ ייִנגעלע. זיי האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, ווײַל איך

האָב זיי לאַנג פֿאַרגעדענקט. פֿאַרשטאַנען האָב איך זיי נישט. ערשט גרויסערהייט האָב איך זיי באַנומען. ניט יעדער דיכטער קאָן האָבן דעם כּוח אויסצווזינגען ממעמקים אַזאַ בענקעניש פֿון נשמה און טראַגעדיע פֿון גוף.

זי האָט געהאַט בילדלעכקייט אין אירע לידער, ראַשעל וועפּרינסקי. דינע, דיבינקע בילדער — לופּטיקע וואָלקנדלעך אויפֿן בלויען הימל פֿון געמיט. אגב, האָט די דיכטערין ליב געהאַט דעם קאָליר בלוי, בלאָ. ער איז ביי איר געווען אַ סינאָנים פֿון מונטערקייט, פֿרייד. אַפֿילו אין די טעג פֿון ימים־נוראים:

> יידן האָבן אויפגעהויבן פּעק מיט יום־טוב, מיט טרויער,
> געצונדן דעם אלול־הימל בלויער.

איר ביאָגראַפֿיש פּראָזע־בוך „ווען הענט קרייצן זיך", איז פֿול מיט ליריק, מיט פּאָעטישע בילדער, מיט השתפּכות הנפש. די בריוו פֿון מאַני לייבן זענען אָפּגעקליבן מיט די ציטערדיקע הענט פֿון אַ ניט־אויסגע־לאָשענער ליבע.

געוויס איז ניט גרינג געווען פֿאַר דער דיכטערין צו זיין די פֿרוי פֿון אַזאַ גרויסן פּאָעט ווי עס איז געווען מאַני לייב. איך האָב געהאַט דאָס גליק צו פֿאַרכאַפּן מאַני לייבן אין זיינע לעצטע יאָרן. ער איז נאָך ניט קראַנק געווען. צו זיין ביי אים אין הויז, ערגעץ אין ראָקאָוועי פֿאַרקוויי, אין אַ קליין שטיבעלע, מיט קליינע צימערלעך, מיט אַ קליין גערטנדל, מיט אַ קליין הילצערן הינטעלע ביים אַריינגאַנג, וואָס האָט געקוקט מיט אַ גרויס, גרין מאַני־לייביש אויג. איך האָב דעמאָלט געזען און באַנומען די שטילקייט פֿון ראַשעלן: ביים רעדן, ביים דערלאַנגען צום טיש, ביים איבערלאָזן אונדז אַליין אין צימער. אָבער דער באַ־וווסטזיין פֿון זיין מאַני לייבס פֿרוי, האָט ניט אָראָפּגעשווערט אירע שרייבערישע פֿליגל — מיט דיכטערישן מוט האָט זי געשריבן, געשאַפֿן, געדרוקט, אַרויסגעגעבן ביכער פֿאַר אונדזער פֿאַרגעניגן, און פֿאַר איר פּאָעטישער אייביקייט.

צו מאַני לייבס ליכטיקער מצבה וועט צוקומען נאָך איינע — ראַשעל וועפּרינסקיס. אין איר ליד „אונדזער גאַס” האָט זי געשריבן וועגן איר מאַן, דעם פּאָעט:

אונדזער גאַס
וואָס האָט געליכטיקט
מיטן ליכט פון דײַן פּנים —
וואָס האָט געזונגען דײַנע טריט —
זי קאָן דיך ניט פאַרגעסן.

די גאַס פון דער ייִדישער פּאָעזיע וועט אויך ניט פאַרגעסן דאָס זינגען פון ראַשעל וועפּרינסקי.

לידער געשריבן עלעגאַנט און מיט טאַלאַנט

שפרה ווערבער, זכרון אין שפּיגל, לידער,
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ישראל, 1984, 120 זײַטן.

זאָגן הײַנט אַז דער דיכטער האָט אַן אייגן פּנים איז אַ באַנאַליטעט. פון דעסט וועגן וועל איך מיט דעם אָנהייבן, ווײַל קלוגע געדאַנקען מעג מען פון צײַט צו צײַט איבערחזרן. אַט זאָגן מיר איבער די קלוג-שאַפטן פונעם גאַר אַלטן שלמה המלך. אמת, מיר גיבן דערבײַ צו ווער עס האָט דאָס געזאָגט דער ערשטער, און אין דעם פאַל ווייס איך עס נישט. אַלזאָ — די דיכטערין שפרה ווערבער האָט אַן אייגן פּנים, אירע לידער זענען אינטעליגענט, ראַפינירט, פּאָעטיש ציכטיק. די לידער זענען פאַר מיר אַ שטיקל סורפּריז ווײַל דעם נאָמען פון דער דיכטערין האָב איך ווייניק וואָס געזען, אויסער אייניקע מאָל אין אַ זשורנאַל. (עס דערמאָנט זיך מיר אַ בחפזונדיקער גייענדיקער שמועס מיטן דיכטער מאיר כאַראַץ אויף אַ גאַס אין מאַנהעטן וועגן דעם אַז יידיש-דיכטער זענען הײַנט ווייניק באַקאַנט מיט די שאַפונגען פון אַלע זייערע קאָ-לעגן — זיי זענען אַ סך און צעוואָרפן איבער אַ צעטרייסלטער וועלט).

די לידער פון שפרה ווערבער זענען געשריבן אין אַן אייגנאַרטיקער פאָרעם — זיי וויקלען זיך שמאָל און לאַנג, ווײַל די שורות באַשטייען פון איינציקע אָדער צוויי ווערטער. אויב די שורה פאַרמאָגט גאַנצע פיר ווערטער זענען זיי אויך קורצע, צוויי-זילביקע בלויז. שורות בילדן סטראָפן לויט זייער ריטעם. בילד און לאָגיק. ווען דאָס לאַנגע וויקלען זיך פונעם ליד איז פאַרענדיקט, דערפילט דער לייענער, אַז עס האָט זיך אויסגעוויקלט אין אַ קרײַז — אַלץ איז געשלאָסן, פאַרענדיקט, דער גע-דאַנק איז קלאָר, דאָס ליד איז אויסגעשעפּט, די שטימונג גאַנץ און — שוין. (דאָס וואָרט „שוין" איז אויך אַ שורה — די לעצטע שורה פון ליד „אַליין" ז. 22).

די דאָזיקע אויסערלעכע עלעגאַנץ פון די לידער מוז אונדז געפעלן, אויב אַפילו זי ציט זיך איבער די גאַנצע 120 זײַטלעך פונעם בוך און מאַכט מיד דאָס אויג; אויב אַפילו זי איז בלויז אַ געלונגענער עקספּעריִמענט און די דיכטעריִן וועט שפּעטער אַריבערגיין צו אַנדערע פאָרמען. פאַרוואָס? ווײַל די איינציקע אָדער פאַרלעך־ווערטער וואָס בילדן די שורה זענען צוגעקליבענע, פּאַסיקע, אויף זייער באַשערטן אָרט, און זאָגן דאָס וואָס זייער באַלעבאָס וויל זאָגן. שפרה ווערבער איז טאַקע איבער זיי די באַלעבאָסטע. זי קאָן, זעט מען, אַ גוטן ייִדיש, אַ באמת גוטן. און מעג זיך דערלויבן צו זײַן שעפעריש נישט נאָר פּאָעטיש נאָר אויך אויפן פילאָלאָגישן געביט.

איך זאָג דאָס צוליבן שלל ווערטער־פאַרלעך און נעאָלאָגיזמען וואָס מיר געפינען אין די לידער. בײַשפּילן פונעם ערשטן: פּלאַטער־געטרילע, פּעטליע־הענט, אָטעם־געצאַפּל, אויגן־פאַרזשמורע און נאָך. אירע נעאָלאָגיזמען זענען פון דרײַ סאָרטן: אירע אייגענע, זייער געלונגענע: שוואַלביק, צונויפטרערן; ווי סובסטאַנטיוון: דאַנען, באַפּײַכט, פאַרנעפל; נעאָלאָגיזמען געניצט אין די יאָרן פונעם אינזיכיזם: פאַרניגונט, באַפנימט, געדענקשאַפט, פאַרענגשאַפט. און אַזעלכע וואָס איז שווער צו אַקצעפּטירן: מויל־געזיגל, אויס־באַשאַף, אַרויסליפּן. אַ טראַכט טאָן דאַרף מען אויך וועגן ווערבן מיט אַנט — (אַנטפּלאַנטערט?) כאָטש מיר האָבן אין ריכטיקן ייִדיש אַנטלאָפן, אַנטוויינט, אַנטשלאָפן געוואָרן; אָדער דער ווערב „אויפדאַכן" — מיינט דאָס: אַראָפּנעמען אָדער אויפשטעלן דעם דאַך? דערפאַר האָבן מיר די שיינע: פאַרנורע, דורכזיכט. לאָמיר דאָס בעסער לאָזן צו אונדזערע לינגוויסטן.

ביידע צוזאַמען — די פאַרפוצטע פאָרעם פּלוס די שטילע געקליבענע ווערטער — רופן בײַם לייענער אַרויס אַ שטימונג פון אויפגעלייגטקייט, ווי אויף אַ יום־טוב. דאָס אַלץ נעמט אפשר אַוועק זײַן אויפמערקזאַמקייט צום טעקסט, אָבער פאַרמינערט נישט דעם פּאָעטישן גענוס פון די לידער. דווקא ווײַל זיי זענען שמאָל, לייענען זיך די שורות ריטמישער און די געציילטע ווערטער מאַכן דווקא בולטער דאָס בילד און וואָס טיפער מע גייט אַריין אין טראַנס פון לייענען אַלץ פילעוודיקער ווערט מען צו די

שטימונגען און צום געמיט פון דער דיכטערין: טרויער, בענקשאַפט, מורא, נאָסטאַלגיע, באַדויער, היַיטערקייט, פרייד, קרובהשאַפט, ליבע, קנאה. עטלעכע ציטאַטן פון אירע לידער. זעלטענע בילדערישקייט:

ווען ס'האָט די נאַכט —
אַ שוואַרצע קראָ אין רויב —
מיט שאַרפן שנאָבל
אויסגעשטאָכן
אויגן־לעכער
אין מיַין שויב

(זיַיט 27)

צעבראָכן געמיט: אַבסאָלוטער פעסימיזם:

ווײנט דער טאָג
אין מיר
אַ גאַנצן טאָג
מיט אויגן
אויסגעלאָשן

נאָטור: שפּילעוודיק און אויפגעלייגט:

אין זייערע גרינע
לבושן
זיי שאָרכן
זיי שורשן,
האַלדזן זיך, קושן,
אין צווייען,
אין דריַיען,
אין שוש —
שושקעריַיען
מיט ווינט

(זיַיט 111)

אַ זעלטן אָריגינעל ליד איז „קנאה" (זײַט 39).

עפּעס פון דער ביאָגראַפיע: שפרה ווערבער איז געבוירן אין ווילנע, די היים — אַ ייִדיש־וועלטלעכע. געלערנט אין ווילנער ייִדישער רעאַל־גימנאַזיע. שפּעטער אַוועק קיין בעלגיע. אין די אָקופּאַציע־יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַקטיוו אין אונטערגרונט. אָנגעהייבן שרײַבן נאָך ווי אַ תלמידה פון גימנאַזיע. אַרויסגעגעבן אין יאָר 1950 אין בעלגיע אַ פּאָעמע „ביסעלעס טרער". אין 1954 געקומען קיין ישראל, דאָרט אַרויסגעגעבן די לידער־ביכער „ווונד און בלי", „אויף גראָז און ליים" און אין העברעיִש „דמעותיו של איציק".

צו דער לאַנגער רשימה פון דיכטערינס אין דער ייִדישער ליטעראַ־טור, וועמעס שאַפונגען האָבן אַ באַזונדערן חן, וועלן מיר צוגעבן דעם נאָמען פון שפרה ווערבער.

שיינקייט און טרויער אין זייערע לידער

ביידע, אַברהם רייזען און מאַני לייב, האָבן זייער פּאָעטיש שאַפן אָנגעהויבן מיט טרויעריקע טיף־לירישע סטראָפן:

פון א. רייזענ׳ס ערשטע לידער:

... ווי קום איך צו שיינקייט, פון וואַנען, מײַן קינד?
דער וועג צו די פעלדער — דורך גויִים און הינט.
די גאַס איז געווען אַזוי אָרעם און וויסט,
בײַ איטלעכער טיר נאָר — אַ בערגעלע מיסט.

(„פון וואַנען")

פון מאַני לייבס ערשטע לידער:

... און דײַנע אויגן זײַנען קאַלט און אויסגעלאָשן,
זיי פירן דיך אין רעש פון גאַסן אום,
נאָר פרעמד איז דיר די וועלט, וואָס רינגלט דיך אַרום,
דו הערסט אַ פרעמדן אומבאַקאַנטן לשון.

(„הייב אויף די אויגן")

האָבן מיר שוין איצט דעם קאָנטראַסט פון די שפּעטערדיקע דיכטע־רישע פערזענלעכקייטן: ווען אַברהם רייזען בענקט „צו די פעלדער", צו מענטשן, צו דער גרויסער וועלט, וועט מאַני לייב מער און מער זיך פאַר־טיפן אין זיך, וועט פון צײַט צו צײַט אַנטלויפן אין פּאַרק כדי

איך שטיי און האָרך — אַ גליקלעכער — און קען פאַרשטיין
פאַרוואָס די שאָרכנדיקע געלע בלעטער פאַלן.

(„אין פּאַרק")

אָדער זיך אײַנהערן ווי

דער טאָג פאַרגייט, דער טאָג פאַרגייט. ער מוז פאַרגיין,
און אויב דיר ווילט זיך וויינען, וויינען, וויינען — וויין!

(„דער טאָג פאַרגייט")

כּדאַי צו דערמאָנען, אַז אַ קריטיקער האָט בשעתו פאַרגעוואָרפן מאַני לייבן הלמאַי ער „ווײנט אַזויפיל מאָל". דער ראַציאָנעל־טראַכטנדיקער, קאַלטער אַנאַליטיקער פון אַ הייסן דיכטערישן געמיט האָט נישט פאַרשטאַנען, און אפשר איז נאָך געווען פרי צו פאַרשטיין, אַז דעם יונגן מאַני לייבס וויינען איז געווען דאָס וויינען פון אַ קינד בעת זײַן אַנטווייניען. ער וועט נאָך דעם קוקן אויף דער וועלט מיט פרישע, קלאָרע, אויסגעוואַשענע פון טרערן, אויגן, פון אַ רײַפן, ראַפינירטן דיכטער.

וואָלט איך אַזעלכע טרוקענע, דאַרע אַנטי־סענטימאַליסטן פאַרגעלייגט איבערצולייענען וואָס עס זאָגט וועגן זיי אויך אברהם רייזען:

טרויעריק קוק איך

טרויעריק קוק איך אויף דעם איינעם
וואָס אים רירט נישט קיינע טרערן;
וואָס זײַן האַרץ איז ווי פאַרשטיינערט,
וויל פון צווייטנס צער נישט הערן.

וואָס אים רירט נישט קיינעמס טרויער,
און ער שווערט זיך, און פאַרטיידיקט.
טרויעריק קוק איך און באַדויער:
אַך, ווי גאָט האָט אים באַליידיקט!

אויב מאַני לייבס וויינען איז געווען אַן אַקט פון פערזענלעכער פאַרלוירנקייט, איז אברהם רייזען פול געווען מיטן צער פון דער וועלט („אָ, וועלט, נעם צו פון מיר דעם צער — ער איז דאָך דײַנער"!). פון די

„אָרעמע ברידער, אין צענדליק געפּלינדערטע שטעטלעך״; „פון די קליינע בלאַסע קינדער מיט די ליבע אויגן״.

ער האָט דעם מענטשן און די וועלט ליב געהאַט און זיי פאַרשטאַנען אַ סך פריִער ווי דאָס האָט מאַני לייב. זײַנען זײַנע לידער עמאָציאָנעל און באַגלייט מיט באַטראַכטונגען און לאָגיק, ווען מאַני לײַבס זײַנען פול מיט בילד און זעאונג. אָבער די טעמאַטיק און די לעקסיק איז די זעלבע: שיפן, ביימער, קינדער, נאַכט, ווינטן, פורן. פאַר ביידע קען מען צונויפשטעלן איין ווערטערבוך: טרויעריק, אומעטיק, איינזאַם, שפּעט, שטיל, אײַנגעבויגן, שטום, גרוי, עלנט, פרעמד א. א. וו.

עס איז אַ טעות ווען עמעצער מיינט, אַז טרויער איז אַ צעשטערערישער פאַקטאָר. פאַרקערט. נאָכן לייענען אַ טרויעריק ליד פון מאַני לייבן אָדער רייזענען האָב איך זיך שטענדיק געפילט אויפגעלייגטער, באַפרײַטער, פולער, ווי איך וואָלט עפּעס צובאַקומען. און דער „עפּעס״ איז געווען — פרייד, פאַרגעניגן, אַ גרינגער געמיט. ווײַל זײַן טרויעריק מיינט נישט זײַן פּעסימיסטיש. עס איז אַ צײַטווײַליקע פאַרוואָלקנטקייט.

אָפילו אין זײַן גאָרער רײַפקייט, ווען ער, מאַני לייב, האָט דערגרייכט אויף דער עלטער שוין, צו אַ זעלטענער קינסטלערישער הייך, אין זײַנע סאָנעטן, האָט ער נישט געשעמט זיך צו וויינען, אָדער מיטצווויינען מיט די ביימער.

> ווי ס׳וויינען ביימער — דאָס באַנעמסטו ניט,
> נאָר וויינען וויינען זיי ווי דו און איך.
>
> („ווי ס׳וויינען ביימער״)

ווערט דען נישט לײַכטער אויפן געמיט ווען מ׳לייענט זײַן טרויעריקן סאָנעט „ווען עפּל פאַלן״, וואָס עס וואָלט געווען אַ זינד אים נישט צו ציטירן אין גאַנצן:

ווען עפּל פאַלן

> ווען לעצטע עפּל פאַלן פון די ביימער
> ווערט אומעטיק די וועלט. דאָס גראָז ווערט געל

פון טרויער. קורץ און גרילצנדיק דער טרעל
פון דראָסל; און אַ ווינטל אַ געהיימער
פאַרבלאָזט צו פרי די קרומע זון פון שוועל;
און פונעם דאַך — אַ שאָטן ווי אַ שומר
וואַרפט אויפן פעלד אויף גרויע־געלע ליימער
און אויף אַ העזל און זיַין גרויער פעל
אַ קילן קראַנקן ליכט פון זיַין לאַמטערן.
און האָרך — אַ פאַל. אַ לעצטער עפל פאַלט.
און הויכע שטערן האָרכן וואַך און קאַלט
אין זייער טרויער, ווי פאַרקילטע טרערן.
און גרילן וויינען. זאָגן אָן דעם ראָסט
פון רויטע קאַלינעס און ערשטן פראָסט.

די שיינקייט פונעם ליד: דער הארבסטיקער פייזאַזש פול מיט פאַרב און באַוועגונג; די דראַמאַטישע געשעענישן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין דער טרויעריקער שטילקייט. אַ געהיים ווינטל פאַרבלאָזט די זון. שטערן ווערן פאַרפרוירן, עפל פאַלן אויף דער ערד, גרילן וויינען; דאָס וואָרטן פון דער נאַטור אויפן אומפאַרמיַידלעכן קומען פונעם פראָסט; דאָס געזאַנג פון די אַליטעראַציעס: לעצטע עפל פאַלן, אַ שאָטן ווי אַ שומר, הויכע שטערן האָרכן; די עקזאַקטקייט פון ווערטער וואָס קענען נישט פאַרביטן ווערן — דאָס אַלץ נעמט אַוועק דעם טרויער ביַים לייענער און ער דערפילט גאָר — אַ מונטערקייט. דאָס פאַלן פון די עפל וועט ער שפּעטער הערן אַפילו אינעם טומל פון בראָדוויי. (מאַני לייבס גרויסקייט איז ביַי מיר לגמרי נישט געמינערט געוואָרן ווען איך האָב אַמאָל געהערט דאָס פאַלן פון עפל אין דער דיַיטשישער ליריק (לענאַו). פּאָעטישע שיינקייטן אַנטפּלעקן זיך ווו נאָר עס פאַלט דעם פּאָעטס בליק. זיי ווייסן נישט פון ציַיט און געאָגראַפיע).

פון גאָר אַן אַנדער שיינקייט זענען די לידער פון אברהם רייזען. כאָטש פרימיטיוו לויט היַינטיקע באַגריפן, האָבן זיי אַ באַזונדערן חן צוליב זייער דירעקטקייט, האַרציקייט, אינטימקייט; פון זייערע ווערטער

גייט אויף אַן אַנגענעמע זינגעוודיקע וואַרעמקייט. מיטן ריטעם פון אַ זייגערס אומרו וויגן זיך די שורות אינעם ליד „עלנט״: אהער־אַהין, דאָ־דאָרט, יאָ־ניין און ברענגען קלאָר אַרויס די שטימונג פון איינעם אין ספקות פון אַ „געשפּאָלטענעם איך״ אין הײַנטיקער טערמינאָלאָגיע. לאָמיר לייענען:

און שטיל איז אין צימער,
די נאַכט איז שוין שפּעט.
און שרעקנדיק קוקט ער
אין ווינקל צום בעט.

און שרעקנדיק קוקט ער,
דאָס האַרץ אַזוי ציט,
און שרעקנדיק דאַכט ער:
— זיך לייגן צי ניט?

עס קוקט דורך די שויבן
די נאַכט שוואַרץ אַרײַן,
און וויקלט אין עלנט,
אין טרויער אים אײַן —

די נאַכט קוקט אין פענצטער,
אַזוי ווי זי היט.
און בענקנדיק קלערט ער:
— זיך לייגן צי ניט?

צוויי באַזונדערע דיכטערישע וועלטן און אויבנאויפיק קאָן זיך דוכטן, אַז צוויי פאַרשיידענע. מאַני לייב נעמט אויף דאָס לעבן מיט אויג און אויער, רייזען — מיט האַרץ. אָבער אויך רייזען הערט און זעט. („איך הער דעם טרויער פון דער וועלט... און שאָטנס רוקן אַלץ זיך אָן...״) און מאַני לייב גייט צום „גאָלדענעם ראַנד״ מיט „אַ האַרץ אין אַ האַרץ און אַ האַנט אין אַ האַנט״. ביידנס דיכטערישע וועלט איז פול מיט פאַרב, קלאַנג און געפיל.

וועגןביידע דיכטער האָבן מיר שוין אַ גאַנצע ליטעראַטור. עס האָבן וועגן זיי געשריבן פּרץ און בעל־מחשבות — זשיטלאָווסקי און נאַדיר, אָפּאַטאָשו און איינהאָרן, טאַבאַטשניק און מײַזיל, ש. ניגער און מלך ראַ־וויטש, ריווקין און לייוויק. זייער אויבנאָן אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז געחתמעט מיט הונדערטער נעמען. מײַנע עטלעכע שורות זענען פון איינעם וואָס לייענט נאָך אַ מאָל (דעם וויפלטן מאָל?) זייערע לידער איצט — אין יאָר 1983, וואָס וויל נישט געדענקען וואָס ער האָט וועגן די ביידע דיכטער געהאָט געלייענט אין צענדליקער אַרטיקלען און אָפּ־שאַצונגען. מײַן אינטערעס אין זיי איז איצט צוליב צוויי אַספּעקטן — טרויער און שיינקייט, וואָס זענען חל אויף דער גאַנצער ייִדישער פּאָעזיע. איר וועט אַ לויטערן טרויער געפינען בײַ דעם גאַר אַלטן שמעון פרוג און אַ טרויעריקע שיינקייט אין די לידער פון מאָדערנעם איציק מאַנגער. אַ דאַנק זיי איז די ייִדישע פּאָעזיע אַזוי נאָענט צו אונדזער געמיט.

ווען איך זאָג „אונדזער" מיין איך מײַן דור, דעם ייִדיש־וועלטלעכן דור צווישן ביידע וועלט־מלחמות, וואָס האָט אין זײַנע קינדער־יאָרן גע־קענט אויף אויסנווייניק פראַגמענטן פון „ייִנגל צינגל כוואַט", געלערנט אין שול רייזענס „דער בוים" און „די פּאַבריק", אַרויסגעגעבן בראָשירט פון אַ ווילנער אָדער וואַרשעווער פאַרלאַג. איך מיין די יוגנטלעכע וואָס האָבן מיט התמדה געזונגען „זאָל זײַן ווי ווײַט" און „מיר ברעכן די וואַנט", וואָס האָבן אויף אַמאַטאָרישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען דעקלאַמירט מיט אַ וויינענדיק קול „דער ענדלער". אויך דאָ, אין אַמעריקע, האָבן מיר מיט די תּלמידים פון די ייִדישע שולן געזונגען רייזענס יום־טוב לידער, געלייענט מאַני לייבס „די נויט". קיין לייענערס פון דער ייִדישער ליטע־ראַטור זענען זיי אָבער נישט געוואָרן. קענען מיר בלויז דאָס באַדויערן און חלומען, אַז מיט יאָרן שפּעטער וועט אַ טייל פון זיי, דער אינטעלי־גענטער און סענסיטיווער, זיך פאַרבענקען נאָך דער שיינקייט און טרויער פון די לידער און וועט גיין זיי אויפזוכן אין די שטאָטישע ביבליאָטעקן.

דאָס געשריבענע אות

זעלטענער און זעלטענער ווערט גענוצט דאָס געשריבענע אות. לאַנג שוין אַז עס שווימט ניט איבערן אַטלאַנטיק „אַ בריוועלע דער מאַמען". נישטאָ מער קיין משפחה אין דער אַלטער היים צו העלפן מיט מלבושים און מיט עטלעכע דאָלאַר אויף פּסח. נישטאָ קיין ברודער אָדער שוועסטערל אַריבערצונעמען אינעם פֿרײַען אַמעריקע. נישטאָ מער קיין אַלטע היים. ייִדיש ווערט אויך ווייניקער און ווייניקער געשריבן. דאָס איינציקע וואָרט אין ייִדיש וואָס מײַן טאָכטער שרײַבט אויף אַ קאַרטל פֿון איר וואַקאַציע איז „טאַטע". און צו וואָס דאַרף מען שרײַבן קאַרטלעך ווען עס איז דאָ אַ טעלעפֿאָן? צו וואָס וואַרטן טעג אָדער גאָר וואָכן אויף אַן ענטפֿער פֿון טאַטן?

אַ שפּראַך האָט צוויי פּנימער: אין דרוק און אין שריפֿט. דאָס ערשטע פּנים איז סטאַנדאַרטנע און איז גוט באַקאַנט. עס דערציילט פֿאַרשידענע מעשׂיות, עס זינגט לידער, עס איז אונדז נאָענט, מיר האָבן דאָס ליב. עס איז שיין; דער שלאַנגיקער למד, דאָס בענקעלע פֿונעם חית, דאָך שטענדיק און אומעטום דער זעלביקער אויסזען.

דאָס צווייטע פּנים פֿון אַ שפּראַך איז כּתב־יד. נישטאָ אויף דער וועלט די זעלבע צוויי כּתב־ידן, ווי עס זענען נישטאָ די זעלבע צוויי פֿינגער־אָפּדרוקן, די זעלבע צוויי מענטשלעכע פּנימער. בלויז אַן ענלעכקייט. יעדער מענטש האָט זײַן אייגענע האַנטשריפֿט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אים אַליין, פֿאַר זײַן אופֿן פֿון טראַכטן, פֿאַר זײַן געמיט און פֿיזישער סטרוקטור. בײַם לייענען אַ געשריבענע קאָמפּאָזיציע פֿונעם תּלמיד, קאָן דער לערער וויסן זײַן שטימונג, זײַן באַציִונג צום לימוד, אַפֿילו צום לערער גופֿא. ער קאָן אויסגעפֿינען געוויסע שטריכן פֿון תּלמידס כאַראַקטער. אַ רעדאַקטאָר וואָס לייענט געשריבענע אַרבעטן ווייסט פֿון דעם שרײַבערס אָנשטרענגונג, פֿון זײַן ענערגיע, פֿרייד אָדער אומצופֿרידנקייט,

ער ווייסט צי ער האָט די אַרבעט געטאָן געדולדיק אָדער אויף גיך. פֿאַראַנען כּתב־ידן וואָס זעען אויס ווי אַ שטורעמווינט וואָלט אַדורך אי־בערן פּאַפּיר און די אותיות אומגעוואָרפֿן. אין אַנדערע זענען זיי אויס־געשטעלט אין גלײַכע שורות, געדולדיק, באַדאַכט. אַ כּתב־יד איז אַ לע־בעדיק וועזן וואָס פֿאַראינטערעסירט, אינטריגירט, רעגט אויף, אָדער גיט פֿאַרגעניגן. עס האָט אין זיך דעם אָטעם פֿון זײַן באַשאַפֿער, וואָס האָט אַרײַנגעטאָן אין דעם זײַן געמיט. געדרוקטע אותיות פֿון אַ מאַשין זענען קאַלט און גלײַכגילטיק.

טויזנטער הימנען און אָדעס זענען געזונגען געוואָרן צום געדרוקטן אות, נישט צום געשריבענעם. פּאָעטן און פֿילאָזאָפֿן האָבן באַשריבן זײַן שיינקייט, קלוגשאַפֿט, געזען אין אים באַהאַלטענע געטלעכע סודות, גע־זאָגט מיט אים נבֿואות. דאָס געדרוקטע אות פֿאַרנעמט דעם אויבנאָן, עס איז אין תּנ״ך און אין סידור, אין ספֿרים און אין ביכער, אין צײַטונגען און אין זשורנאַלן. עס וואַנדערט איבער דער גאָרער וועלט.

דאָס געשריבענע האָט מען באַעוולט. מיר האָבן בלויז קורצע באַ־שרײַבונגען ווי אַזוי דער רבי ציקלט אויס די אותיות בײַם לערנען די תּלמידים ווי צו שרײַבן ייִדיש. בײַ לייוויקן איז דאָ אַ ליד וועגן די למדן פֿון רייזל זשיכלינסקי. אַ נייער נאָמען אין די דעמאָלטיקע ליטעראַרישע האָט נישט געמיינט די געשריבענע מיט דער האַנט אותיות פֿון אַ בענ־קענדיקער מאַמען, פֿון אַן אַלטן טאַטן, פֿון עמעצן וואָס דאַרף הילף. ווייניק האָט מען געשריבן וועגן דער שטילקייט, באַשיידנקייט, שיינקייט פֿון אַ געשריבן אות אויף אַ פּשוט בייגעלע פּאַפּיר. פֿונעם „ל״ וואָס זעט אויס ווי אַן אויסגעשטרעקט פֿויגלס קעפּעלע, פֿונעם „ר״ ווי אַ דין־דינע האַלבע לבֿנה, פֿונעם „ף״ ווי אַ שלאַנקער עלעגאַנטער פּלאַנץ. מיט זיי, די געשריבענע, האָט מען אויסגעגאָסן הערצער, דערציילט פֿון פֿריידן און לײַדן. פֿון בריוו האָט מען זיי געלייענט מיט פֿרייד אָדער מיט שרעק. אין בריוו האָט מען זיי אַרומגעטראָגן מיט זיך אָדער באַהאַלטן אין שופֿ־לאָדן, אַרומגעבונדן מיט זײַדענע טאַשמעלעך. ווײַל דער כּתבֿ איז געווען דער מאַמעס, דעם טאַטנס, דער געליבטערס. ווי עס דערציילט שלום־עליכם אין זײַן „פֿונעם יאַריד״. וועגן דער פֿרייד פֿונעם בחור: דאָס לאַנג

דערוואַרטע בריוול איז „געשריבן מיט דינע לאַנגע אותיות, וואָס האָבן דערמאָנט אירע דינע לאַנגע פינגער״.

היינט קלאַפּן שרייבמאַשינקעס, די נייע פריינד פונעם פּראָפעסיאָנעלן שרייבער. איך האָב שוין אַפילו געלייענט ביי דעם אַמעריקאַנעם אַפּדייק, אַז עס איז פאַראַן אַ געוויסע אינטימקייט צווישן דעם שרייבער און דער שרייב־מאַשינקע. וואַרעמע פינגער קלאַפּן איבער קאַלטן מעטאַל היימיש און מיט פאַרטרויען. פאַרט זעט אויס דאָס אָנגעשריבענע ריכטיקער, דאָס אָפּגעקלאַפּטע — סטאַנדאַרטע — וואָכעדיק, אָן עמאָציע און בשום אופן דער־מאָנט עס נישט „אירע דינע לאַנגע פינגער״.

איז אָנגענעם צו זען אַ בלעטל פּאַפּיר מיט געשריבנס, נישט גע־דרוקטס. אַ סך שרייבער שרייבן נאָך דערווייל מיט דער פען. דאָס שטילע, באַשיידענע, און באַעוולטע ייִדישע אות האָט נאָך אַ וואַרעמע היים, אויך ביי די וואָס שרייבן העברעיִש מיט דער פען.

(אַ פּערזענלעכע דערמאָנונג: ווי אַ יתום האָב איך אין מיינע קינדער־יאָרן ליב געהאַט צו עפענען ווידער און ווידער דאָס תּנכ״ל וואָס איז געלעגן ביי אונדז אין שטוב און לייענען אויפן פאָדערבלאַט „התּנ״ך הזה שייך לנחום נחמן אַליטסקי״. מיין טאַטנס האַנטשריפט).

מעגלעך, אַז דאָס געשריבענע אות וועט בכלל פאַרשווינדן. אַפילו קינדער אין די שולן וועלן נישט שרייבן מיט דער פען, נאָר קלאַפּן מיט די פינגער איבער מעטאַלענע קנעפּלעך. מע טוט עס שוין איצט מיט קאָמפּיוטערס. בלויז אין מוזעומס וועט מען קאָנען זען אַ כּתב־יד, אַ זכר פון דער אַמאָליקער אינטימער, וואַרעמער קאָמוניקאַציע צווישן מענטש און מענטש.

אינהאַלט

לידער

דער נעכטן איז אַוועק	6 — 25
די שטאָט ניו־יאָרק	25 — 49
גישט אויסטײַטשן דעם זונפאַרגאַנג	49 — 77

עסייען

דער יונגער דיכטער פון שטעטל קוטנע	78 — 83
מ. ל. האַלפערינס "יונגע לייענערס	83 — 87
ווו איז דאָס לירישע ליד?	87 — 91
נײַע לידער פון מלך ראַוויטש	91 — 94
„חסד של אמת" — אַ געטאָ־נאָוועלע פון י. שפּיגל	94—99
צוויי מאָל אין הויז פון ק. מאָלאָדאָווסקי	99—105
די פּאָעטעסע רייזל זשיכלינסקי	105—111
ראָשל וועפּרינסקי	111—114
לידער געשריבן עלעגאַנט און מיט טאַלאַנט	114—118
שיינקייט און טרויער אין זייערע לידער	118—124
דאָס געשריבענע אות	124—126